זיך אָנגעליטען, זי האָט געדענקט אַז מיט דעם וואָס זי און איהר ברודער זייי־נען בעפרייט געוואָרען פון אלמומען, וועלען זיי שוין קענען לעבען רוהיג און דינען צו דעם גאָט פון ישראל אומגעשטערט, אָבער יעצט זיינען זיי נאָך ערגער אריינגעפאלען. דער פאַלשער און פערדאָרבענער אלהוני האָט זיי אומגליקליך געמאַכט. ער האָט ביי אלמאעלי'ן זיין געלט אוועקגע־גנב'עט און זיי ביידע זיינען אין געפאהר זיינע שקלאַפען צו ווערען.

— אָה, אלאמאעלי — האָט שׂרה זיך צוכליפעט, ווען אלהוני האָט זיי אליין איבערגעלאָזען. — אויב איך וועל זיין געצוואונגען צו פערבלייבען מיט אלהוני'ן וועל איך בעסער זעהן אויף זיך דעם טויט.

— מיין טייערע שוועסטער, ניט איינמאָל זיינען אונזערע לעבענס אין גרויס געפאהר געווען און גאָט האָט אונז געהאָלפען, לאָמיר ניט פערלירען אונזער האָפנונג און לאָמיר מתפלל זיין צו איהם, וועלכער האלט זיינע אויגען שטענדיג אָפען אויף דעם פעריאָגטען און געפלאָגטען פאָלק. דו ווייסט דאָך אז ווען ניט דו, מיין ליבע שרה, וואָלט איך פיליייכט אין גאנצען פארלאָזען דאָס אידענטהום. דו האָסט מיינע אויגען געעפענט צו די גרויס־קייט פון אונזער גאָט. ווען ניט דו וואָלט איך שוין פון לאַנג אָן געהאַט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען און געוואָרען איינער פון זיי וועל־כע זיינען געמיין און פערדאָרבען.. וואָלט דען איינער פון אונזערע ברי־דער, ווי פערדאָרבען ער זאָל ניט זיין, געווען פעהיג צו באַגעהן אזא פער־ברעכען געגען הילפלאָזע מענשען ווי מיר זיינען. פריהער אונז צו באַרוי־בען פון אונזער געלט און נאַכהער צווינגען אונז צו ווערען זיינע שקלאַפען. ניין, א איד וואָלט אויף אזא געמיינהייט קיינמאָל ניט פעהיג געווען און איך שעץ זיך גליקליך וואָס איך רוף זיך אָן איד און ניט מאַכמעדאַנער און אויב עס וועט אונז זיין באַשערט צו שטאַרבען וועלען מיר שטאַרבען ווי אידען און ניט ווי מאַכמעדאַנישע אויסוואורפען.

— זיין פרוי האָט מיר ניט לאַנג אריינגערוימט אין אויער אז מיר דארפען זיך ניט פיהלען אין גאנצען פערלאָרען, ווייל אין באַגדאַד געפינען זיך פיעלע יושר'דיגע „קאַדים" (שופטים) פאַר וועמען מיר וועלען זיי קע־נען אָנקלאַגען און מעגליך אז מיר וועלען קענען ארויסקריגען א גערעכטען משפט.

— ווי אַזוי וועלען מיר, פרעמדע, קענען קריגען א גערעכטען משפט?

— האָט אלמאעלי מיט יאוש געזאָגט — איך האָב דאָך אליין אונטערגעשריי־בען אז אויב איך וועל איהם ניט צושטעלען די געלט וואָס ער האָט פאַר מיר בעצאָהלט, וועלען מיר ביידע דארפען זיין זיינע שקלאַפען. וועל איך דען עס קענען אָפּלייקענען פאַר דעם ריכטער?

— אָבער דו וועסט דאָך קענען דערצעהלען ווי אזוי ער האָט דיך בע־רויבט פון דיין געלט, הונדערט גאָלדענע רענדלעך האָט ער פון דיר אוועק־גערויבט.

— ווי אזוי וועל איך עס קענען בעווייזען? האָב איך דען עדות? וועט מען איהם דען בעסער ניט גלויבען. דאָס איז דאָך זיין שטאָדט, זיין גע־

בורט־פלאַץ און איך בין א פרעמדער. מען וועט נאָך אונז וועלען בעשטראָפען פאר וואגען צו באַשולדיגען אזא עהרליכען מאן ווי אַלהוני אין גנבה.

— איך בין זיכער, אז איינע פון זיינע פרויען וועט איינוויליגען צו זיין אַן עדות געגען אלהוני'ן. זי האָט מיר אפילו געגעבען אָנצוהערעניש וועגען דעם. זי קען ניט הולדען זיין פאַלשקייט און פארדאָרבענקייט — האָט שרה געזאָגט.

— ניין, מיין שוועסטער, מיר קענען עס גאָר פון איהר ניט פארלאַנגען, ווייל מיט דעם, וואָס זי וועט ארויסטרעטען געגען איהר אייגענעם מאן מיט אזא באַשולדיגונג שטעלט זי איהר לעבען אין געפאהר. ער וועט שוין געפינען אַן אויסוועג צו מאַכען איהר עדות זאָגען צו גאָרנישט. מיר מוזען זוכען אַן אַנדער וועג. מיר טאָרען ניט ארייגשלעפען די נאָבעלע פרוי, וועלכע האָט אונז ענטדעקט דעם גאַנצען אמת. די פרוי אין דיזען לאַנד איז אַלץ איינס פאררעכענט פאַר א שקלאַפין און דער מאַן קען מאַן מיט איהר וואָס זיין הארץ געלוסט.

— וואָס אָבער בלייבט אונז צו טהאָן? — האָט שרה מיט פארצווייפלונג אויסגערופען — היינט איז דאָך דער לעצטער טאָג.

— איך וועל פון איהם פאָדערען ער זאָל אונז האַלטען אויף דעם מאַרקפלאַץ ווי מען האַלט אַנדערע שקלאַפען. פילייכט וועלען מיר דאָרט דערזעהן א אידען און מיר וועלען איהם קענען דערציילען אונזער טרויעריגע לאַגע. וועט ער אונז קומען צו הילף.

— דערווייל וואכען זיינע יונגען דעם געצעלט און מיר זיינען דאָ ווי אין א געפענגענים.

— שאַ, שרה. וואַרט א ווײַלע. מיר דוכט זיך, אז איך הער א געשפרעך אין אונזער הייליגער שפּראַך! — האָט אַלעמאַלי זיך אָפּגערופען און צוגענויגט זיין אויער צו דער זייט פון געצעלט פון וואנען די שטימען זיינען געקומען.

— יע, שרה, אין דעם צווייטען געצעלט געפינען זיך אידען — האָט אַלעמאַלי מיט גרויס פרייד אויסגערופען — מיר וועלען זיך דארפען שטעלען אין פאַרבינדונג מיט זיי און מעגליך, אז זיי וועלען אונז קענען העלפען.

שרה איז אויך צוגעגאַנגען צו יענעם פלאַץ און צוגענויגט איהר אויער און זי האָט אויך געהערט, אז די מענשען, וועלכע געפינען זיך אין דעם צווייטען געצעלט פון רעכטס, ריידען ווירקליך העברעאיש. זי האָט געקענט הערען איינצעלנע העברעאישע אויסדרוקען. איהרע אויגען האָבען גענומען לייכטען פון פרייד.

נויט און זיי וועלען אונז קומען צו הילף — האָט אַלעמאַלי זיך אָפּגערופען.

— מיר וועלען דארפען זיי לאָזען וויסען, אז מיר זיינען אין גרויס

— ווי אזוי וועלען מיר אָבער קענען קומען אין פאַרבינדונג מיט זיי

— האָט שרה געפרעגט — אין דער צייט ווען מען היט אונז אזוי אָפּ. דער יונג וועלכער האָט פון דיר, לויט אלהוני'ס פארלאַנג, אוועקגערויבט דיין גאַרטעל מיט די הונדערט גאָלדענע רענדלאַך, שטעהט און היט אונזער געצעלט.

— דו וועסט זיך איינבויגען אַט־דאָ, און אויסרופען אין העברעאיש: הושיעה נאָ! הצילו נאָ! (העלף אונז, ראַטעווע אונז), און ווען יענע אידען וועלען דערהערען די שטימע פון אַ אידישער פרוי, וועלען זיי זיך געוויס איילען און קומען זיך נאָכפרעגען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, און דאַן וועלען מיר זיי אַלץ דערצעהלען.

— אָבער טאָמער וועט דער יונג דערהערען מיינע געשרייען און ער וועט מעלדען אלהוני'ן וועגען דעם? — האָט שרה געפרעגט.

— וועלען מיר דאַרפען צוואַרטען ביז וואַנען די פאַרזאַמלטע וועלען זיך פרעהליך מאַכען, ווען זיי וועלען אָנפאַנגען צו זינגען און צו טאַנצען אין דעם גערויש וועט דער יונג ניט קענען הערען דיין שטימע. איך זעה, אַז זיי קלייבען זיך אַלע שוין באַלד צונויף אַ הוליע צו טאָן. אלהוני מוז געוויס זיצען אין זיין געצעלט און שיכור'ן. איך וועל דיר שוין לאָזען וויסען ווען די גינסטיגע רגע וועט קומען.

---

אין דעם צווייטען געצעלט, וואָס איז געשטאַנען פון דער רעכטער זייט פון דעם געצעלט, וואו שרה און אלמאעלי האָבען זיך געפונען, זיינען געווען זעקס העלדישע יונגען. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין די מלבושים גאַנץ אַנדערש פון די איינוואוינער פון באַגדאַד. פון זייער אַרט קליידונג האָט מען געקענט זעהן, אַז זיי באַלאַנגען צו די איינוואוינער פון די קאַפּטען בערג, וואָס איז אַרום אַמאַדיע, ניט ווייט פון באַגדאַד. אונטער זייערע קליידער האָבען זיי געטראָגען וואַפען, ווי שווערדען, קינזשאַלען און שאַרפע מעסערס.

אויף יענע בערג האָבען געוואוינט אידישע שבטים. זיי זיינען געווען זעהר אומוויסענד, אָבער שטאַלץ און העלדיש זיינען זיי געווען. זיי פלעגען קעמפען ווי לייבען, און וואָהנענדיג אין די באַפעסטיגטע בערג זיינען זיי געווען באַשיצט פון זייערע שונאים. זייער הויפּט קוואַל פון חיונה איז געווען רויבעריי. זיי פלעגען זיך אַרונטערלאָזען פון די בערג און באַפאַלען רייכע קאַראַוואַנען, אָדער פיהרען מלחמות מיט די אַרומיגע פיינדליכע שבטים. כאָטש אין אַלגעמיין האָבען זיי געלעבט בשלום מיט זייערע ניט־אידישע שכנים. זיי פלעגען זיך ווענדען צו דעם ראש הגולה פון באַגדאַד ער זאָל זיי צושיקען אַ רבי, וועלכער האָט בלויז געהאַט צו טאָן מיט די רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען. און פלעגען אָפּהיטען די אידישקייט לויט ווי ער פלעגט זיי אָנווייזען.

פלוצלונג איז אָנגעקומען צו דעם אידישען שבט, וואָס האָט זיך געפונען אויף די בערג, אַ יונגער מאַן, וועלכער איז געווען געלערנט אין פילע שפּראַכען. ער האָט געהאַט אַ גוטען כוח הדבור. דערצו איז ער געווען הויך, שלאַנק, שעהן און אָנציהענד און געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען איינעם. זיין נאָמען איז געווען דוד אלראי.

דוד אלראי האָט גלייך איינגעזעהן, אַז דער אידישער שבט פון די בערג באַשטעהט פון לויטער העלדען, גוטע קעמפער און אידען, וואָס לאָזען זיך ריידען. ער האָט דעריבער גענומען טרוימען אַז ווען איהם געלינגט צו געווינען אַזעלכע העלדישע אידען אויף זיין זייט, דאַן וואָלט ער זיי גוט

אָרגאַניזירט און ער וואָלט זיי געפיהרט אין מלחמה גענען די מאַכמעדאַנער צו באַפרייען די אידען פון זייער יאָך.

זעהר פיעל האָט דוד אלראי פון דעם געטראַכט. ער האָט געלאָזען זיין פאַנטאַזיע לויפען גאַנץ הויך. ער וועט ווערען זייער פיהרער. נאָך אידען פון אַנדערע לענדער וועלען זיך אָנשליסען אָן זיין אַרמעע און זיי וועלען זיך ארויסלאָזען אין אַ מעכטיגען קאַמף גענען אַלע זייערע שונאים. זיי וועלען אויך קעמפען גענען די קריסטען און אַוועקנעמען פון זיי ארץ־ישראל און דאָן גרינדען דאָרט די אידישע מלוכה מיט ירושלים אַלס הויפט שטאָדט. דוד אלראַי האָט, געהערט פון איינעם פון זיינע קרובים, אַז ער שטאַמט פון מלכות בית דוד. אויב אַזוי וועט ער דאָך געוויס זיין באַרעכטיגט צו ווערען קעניג איבער די אידען און בויען זיין פּאַלאַץ אין ירושלים.

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך שוין דוד אלראַי פון לאַנג ארומגע־טראָגען, אָבער ווען ער האָט אויסגעפונען וועגען דעם אידישען שבט פון די בערג, און געזעהן ווי העלדיש זיי קעמפען, האָט ער באַשלאָסען, אַז צווישען זיי וועט ער קענען אָנפאַנגען זיין באַוועגונג גאַנץ גרינג, ווייל זיי זיינען אַזוי אומוויסענד, וועלען זיי זיך צוהערען צו אַלע זיינע רייד. אָבער די ערשטע זאַך, וואָס ער וועט דאַרפען האָבען דורכצופיהרען זיין פּלאַן, איז געלט. ער האָט געוואוסט, אַז די בערג־אידען, כאָטש זיי לעבען זיך אַ זאַטען לעבען, אָבער קיין געלט האָבען זיי ניט. ער האָט דעריבער אויסגעקליבען זעקס העלדישע יונגען, וועלכע האָבען זיך פאַר קיינעם ניט אָפּגעשראָקען און ער האָט זיי פאַרטרויט, אַז ער איז געשיקט געוואָרען פון גאָט צו העלפען זיינע ברידער, די אידען. ער וועט זיי אויסלייזען פון גלות און פיהרען צוריק נאָך ירושלים. ער האָט זיך זעהר גוט באַפריינדעט מיט די זעקס יונגען און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז דערווייל זאָלען זיי קיינעם פון דעם וואָס ער האָט זיי נאָר־וואָס ענטדעקט, ניט דערצעהלען. פריהער פון אַלץ וועלען זיי זיך מוזען ארויסלאָזען און אָנזאַמלען אַ סך געלט, און ערשט דאַן וועלען זיי אָנפאַנגען די גרויסע באַוועגונג. זיי וועלען האָבען אַ שטאַרקע מעכטיגע אַרמיי און וועלען גובר זיין אַלע זייערע שונאים.

די זעקס יונגען האָבען זיך שטאַרק דערפרעהט, ווען דוד אלראַי האָט זיי דאָס דערצעהלט. זיי זיינען געווען אַזוי אומוויסענד, אַז זיי האָבען גע־גלויבט יעדעס וואָרט וואָס ער האָט זיי געזאָגט. זיי האָבען איהם געשוואוי־רען טרייהייט און פאַרשפּראָכען צו טאָן אַלץ וואָס ער וועט זיי הייסען.

דאַן האָט דוד זיי געהייסען גוט זיך באַוואָפּענען און מיטנעמען זייערע פערד און געהן מיט איהם. דוד'ן האָבען זיי אָפּגעגעבען דעם בעסטען פערד, אַ שוואַרצען הויכען פערד, מיט אַ שטאָלץ געהויבענעם קאָפּ. ווען דוד האָט זיך אויף דיזען פערד געזעצט רייטען האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ העלדישער פּרינץ, וועלכער איז גרייט איינצונעמען די וועלט. זיי האָבען מיטגענומען שפּייז און אויך גענוג לייוועגד און שטאַנגען אַוועקצושטעלען אַ גרויסען געצעלט, וואו זיי וועלען קומען. זיי זיינען אָנגעקומען אין באַגדאַד, אין דעם טאָג, וואָס דער גרויסער מאַרק האָט געזאָלט פאָרקומען און זיי האָבען אויפ־געשטעלט זייער געצעלט ניט ווייט פון דעם געצעלט וואו אלמאַעלי און שרה האָבען זיך געפונען.

דוד אלראַי האָט די זעקס יונגען איבערגעלאָזען אין געצעלט און ער איז אַרויס דערוויילע באַטראַכטען די קאָלירפולע באַפעלקערונג. ער האָט אויך באַדאַרפט טראַכטען פון אַ וועג ווי אַזוי צו קריגען וואָס מעהר געלד. ער האָט געוואָלט אויסגעפינען, אויף וועלכען פּלאַץ עס געפינען זיך די רייכע סוחרים פון וועמען ער וועט קענען אַרויסבאַקומען אַ סך געלט, און דעריבער האָט ער זיך לאַנגזאַם שפּאַצירט צווישען די סוחרים, באַטראַכטענדיג זייערע וואַרעס, וואָס זיינען געלעגען אויסגעשפּרייט נעבען זייערע געצעלטען.

פון ווייטען האָט דוד אלראַי באַמערקט ווי אַ רייכער קאַראַוואַן דערנענטערט זיך. ער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען צו וועמען דער קאַראַוואַן געהערט. ער איז אַהין אַוועק און צו זיין גרויס איבערראַשונג איז ער דערגאַנגען, אַז די גאַנצע רייכטום וואָס ער זעהט מיט זיינע אויגען, באַלאַנגט צו אַ מיטעליעהריגע פּערסישע פרוי, מיט'ן נאָמען האסאַנאַ. ער האָט געזעהן ווי זי איז באַהאַנגען מיט גאָלד, מיט דימענטען און פּערעל. זי איז אַרומגערינגעלט פון פילע קנעכט און דינסטען וועלכע טהוען איהר באַפעהל ווי זי וואָלט געווען אַ קעניגין. אפילו אויף דעם האַלז פון איהר קעמעל, האָט ער באַמערקט קאָסטבאַרע שטיינער.

ווען דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דוד אויסגעפונען מעהר איינצעלהייטען פון איהר רייכטהום. ער האָט זיינע אויערען ניט געגלויבט, אַז אַזאַ פרוי, וועלכע איז ווייט פון צו זיין אַ שעהנע, באַזיצט אַזאַ אונגעהויערע רייכטהום. ער האָט אויסגעפונען איהר נאָמען, ווער זי איז און אויך דעם נאָמען פון איהר שבט.

אַ געדאַנק איז איהם איינגעפאַלען, אַז ער וועט צוקומען זי באַגריסען. דוד אלראַי איז אין זיך ניט געווען געגאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז ער באַזיצט אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט און מאַגנעטישע צוציהונגס קראַפט. ער איז געווען רייך און העלדיש געקליידעט, און עס וועט איהם לאַנג ניט נעמען און ער וועט מאַכען דעם געווינשטען איינדרוק אויף דער רייכער פרוי. אָבער צוגעהן צו איהר אַזוי וועט ניט טויגען. ער וועט מוזען צוקומען צו איהר רייטענדיג אויף זיין פערד. דאָס וועט אויף איהר מאַכען נאָך אַ גרעסערען איינדרוק. ער איז שנעל צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו זיין פערד איז געשטאַנען צוגעבונדען צו אַ בוים און געגעסען די גראָז.

אלראַי האָט איהם אָפּגעבונדען און זיך אַרויפגעזעצט רייטען אויף זיין פערד. ער האָט מאַיעסטעטיש געטריבען זיין פערד, וועלכער איז געווען זעהר שעהן באַפּוצט. ער האָט זיך דורכגעריסען צווישען די פילע קנעכט וואָס האָבען געפיהרט די רייכע אָנגעלאָדענע קעמלען. עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון פּראָטעסטען און די פרוי האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ צו זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר.

— געבענשט זיי פון אללא, גנעדיגע פרוי האסאַנא! — האָט דוד אלראַי גאַלאַנטיש אַ נייג געטאָן זיין קאָפּ.

די פרוי האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. זי האָט נאָך אַזאַ שעהנעם און העלדיש־אויסזעהענדען יונגען מאַן קיינמאָל ניט באַגעגענט. ער רופט זיך אָן ביים נאָמען. ווער קען ער דאָס זיין? זי וואָלט איהם שוין גע-

וואָלט פרעגן ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט, אָבער דוד האָט זיך נאָך אַמאָל אַ נויג געטאָן פאַר איהר און שנעל אַ טרייב געטאָן זיין פערד ביז וואַנען ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

האסאנא האָט גענומען נאָכפרעגען ביי אַלע איהרע קנעכט און דינסטען אויב אימיצער פון זיי ווייס ווער דער יונגערמאַן איז, אָבער אַלע האָבען גע־ ענטפערט אַז זיי ווייסען ניט ווער ער איז.

— מיר בלייבען דאָ פאַר דעם טאָג, מיר פאָהרען ניט ווייטער — האָט האסאנא זיך אָפּגערופען.

זי האָט געהאָפט אַז אויב זי וועט בלייבען אויף דיזען פּלאַץ, וועט פיי־ לייכט דער וואונדערבארער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אַזוי העפליך באַגריסט, ווידער צוקומען צו איהר.

דוד אַלראי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון צווישען המון און ער האָט לאַנגזאַם געריטען אויף זיין פעלד און באַטראַכט די פאַרשידענע סחורות. זיינע אויגען זיינען געפאַלען אויף אַ פּלאַץ, פאו פאַרשידענע שעהנע פרויען קליידער זיינען געווען. די קליידער פון פאַרשידענע קאָלירען. אָט זעהט ער אַ גאַנץ שעהנע קלייד וואָס די וואונדערענדע ציגיינער טראָגען. אַ געדאַנק איז איהם פּלוצלונג געקומען און ער איז אַרונטער פון זיין פערד און איז צוגעגאַנגען צו דעם סוחר פון די קליידער און ביי איהם אָפּגעקויפט די ציי־ גיינער קלייד און די פאַרשידענע באַפּוצונגען וואָס קומט דערמיט.

דוד האָט גענומען די קלייד און איז אַוועקגעריטען צו זיין געצעלט. ער איז אַריינגעקומען אַ פרעהליכער, אַ לוסטיגער און אויסגערופען צו זיינע זעקס יונגען.

— איך האָב נאָר וואָס געזעהן אַ פרוי, וועלכע קען פאַררעכענט ווערען אַלס די רייכסטע פרוי פון באַגדאַד. זי איז באַהאַנגען מיט גאָלד און דימאַנ־ טען און אויב מיר ווען ווייסען ווי אַזוי זי צו באַהאַנדלען וועלען מיר קענען אַריינקריגען איהר גאַנצע רייכטהום.

די יונגען האָבען זיך אויפגעשטעלט און מיט גרויס נייגעריגקייט גע־ וואַרט צו הערען וואָס זייער הויפּט וועט זיי דערצעהלען.

דוד האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן באָדען, די יונגען זיינען געזעסען אַרום איהם.

— ווען איך בין פאַרבייגעריטען, האָב איך באַמערקט אַ זעהר שעהנע קלייד, וואָס די ציגיינערינס טראָגען. אין מיינע רייזעס האָב איך פיעלע אַזעלכע ציגיינערינס באַגעגענט. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער אַרט לעבען, און איך האָב אויסגעפונען, אַז זיי ערנערען זיך פון דעם וואָס זיי פּרובירען טרעפען דעם מזל און די צוקונפט פון פאַרשידענע מענשען, און פאַר דעם קריגען זיי באַצאָהלט.

די יונגען האָבען איהם אָנגעקוקט מיט מעהר ערשטוינונג. זיי האָבען נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

דוד האָט זיי געצייגט די קלייד, וואָס ער האָט געקויפט און ער האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל צו איינעם פון זיי:

— ווען איך האָב די קלייד געקויפט האָב איך דיר געהאַט אין זינען.

דו ביזט דער אינגסטער פון אונז אַלעמען און דיינע לאַנגע האָר מאַכען דיר אויסזעהן אַ סך מעהר עהנליך צו אַ פרוי. איך וויל אַז דו זאָלסט שפּילען די ראָלע פון אַ ציגיינערקע פאַר מיר אויף אַ קליינע ווײַלע. איך האָב אַ גוטען פּלאַן און מיט דעם פּלאַן קענען מיר ערוואַרטען צו קריגען אַמווייניגסטען אַ טייל פון האַסאַנאַ'ס רייכטהום. ביזטו גרייט צו טאָן וואָס איך וועל דיר הייסען?

— געוויס, מיין האַר, איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו וועסט מיר הייסען.

ראַזיר אַרום דיין פּנים אַזוי, אַז עס זאָל קיין סימן פון קיין האָר ניט בלייבען און דאַן טהו אָן די קלייד און פאַרקאַם דיינע האָר. לאָמיר זעהן אין וואָס פאַר אַ שעהנע ציגיינערין דו קענסט פאַרוואַנדעלט ווערען, און דאַן וועל איך דיר זאָגען מיין גאַנצען פּלאַן, און מיר וועלען זיך אַלע וועגען דעם באַראַטען.

דער יונג האָט אַזוי געטהאָן, ער האָט אָפּגעראַזירט זיין פּנים, און אָנגע־טהאָן די ציגיינער קלייד.

— זעהט איהר ווי אוממעגליך עס איז צו דערקענען אַז ער איז ניט קיין ציגיינערקע? — האָט דוד מיט אַ שמייכעל זיך אָפּגערופען און יעצט וועסטו דאַרפען שפּילען אַ ראָליע פון אַ ציגיינערקע. דו וועסט דאַרפען צוגעהן צו האַסאַנאַ. אָבער פריהער בעטראַכט מיך, דו זעהסט ווי זוי איך קוק אויס, מיינע אויגען, מיינע האָר, מיין הויך און פערגעס אויך ניט דעם קאָליר פון מיין פערד, ווייל פאַר איהר האָב איך זיך בעוויזען רייטענדיג אויף אַ פערד. דו וועסט צו איהר צוגעהן און אויב מען וועט דיר פערטרייבען פון איהר זאָלסטו אויסרופען:

„איך זעה אויף דיין וועג!... אַ יונגער מאַן שלאַנק און שעהן, מיט ברע־נענדע שוואַרצע אויגען, פעך שוואַרצע האָר, אַ פירסט פון פּערסיע איז ער. ער שטאַמט פון אַ משפּחה פון קעמפער און העלדען. ער וועט דיין מזל בע־שיינען, ווייל גליק וועט צו דיר קומען אין פולען האַנט בלויז דורך אַזאַ יונ־גען מאַן"... דאַן זאָלסטו מאַכען אַ שנעלען פערזוך אַוועקצוגעהן. און אויב זי וועט דיר אָפּשטעלען און פרעגען מעהר איינצעלהייטען זאָלסטו אָננעהמען איהר האַנט און פון איהרע ליניעס פון האַנט לייענען, און איהר זאָגען די איינצעלהייטען... זאָל זי זיין איבערציינגט אַז די שטערען אין הימעל האָבען מיך בעשטימט פאַר איהר וועג ווייזער, פאַר איהר ראַטה געבער, פאַר איהר אויפזעהער איבער רייכקייט, און דאָס איבעריגע וועסטו לאָזען צו מיר, אויב דורך דער צייט פון אַ וואָך וועל איך ניט ארויסקריגען אמווייניסטען אַ העלפט פון איהר רייכטום, וועל איך צוגעבען אַז איך בין אַ דורכפאַל!

דער יונג, וועלכער האָט זיך פאַר אַ צגיינערקע פערשטעלט האָט גענו־מען ווידערהאָלען ווי אַזוי ער וועט האַנדלען, ווי אַזוי ער וועט ריידען צו דער רייכער האַסאַנאַ און אַלע האָבען הארציג געלאַכט. ער האָט ארומגעפאַרבט זיינע באַקען און אָנגעטהאָן פערשידענע פאַטשערקעס און קאַרעלען און האָט זיך געלאָזען אין וועג צו דער רייכער האַסאַנאַ.

דוד אַלראָי האָט זיך געפיהלט הונגעריג און איינער פון די יונגען האָט גענומען צוגרייטען די שפּייז. ווען עס איז פאַרטיג געוואָרען האָבען זיי זיך געזעצט אויף דעם באָדען פון געצעלט און זיך גענומען צו דער אכילה.

פלוצלונג האָט זיך צו זיי דערטראָגנקא פרויען שטימע וואָס האָט אויס־געשריען אין העברעאיש, „הושיעה נא, הצילה נא"! (העלף מיך, ראַטעווע מיך).

— א אידישע פרוי געפינט זיך אין צווייטען געצעלט אין געפאהר! — האָט דוד אלראָי זיך א הויב געטהאָן פון זיין פלאַץ.

די איבעריגע יונגען האָבען זיך אויך אויפגעשטעלט. זיי זיינען אלע געווען גרייט צו געהן קעמפען פאר דעם כבוד פאר דער אידישער טאָכטער.

— איהר בלייבט דאָ אין געצעלט! — האָט דוד זיך אָפּגערופען — ווען איך וועל זיך נויטיגען אין אייער הילף וועל איך אייך רופען.

דוד האָט אריינגעטהאָן זיין קורצען שווערדעל אונטער זיין אויבער בגד און איז ארויס פון זיין געצעלט. ארום האָט זיך געהערט א געזאַנג, די מייד־לעך האָבען נעבען די אנדערע געצעלטען געטאַנצט. אל־הוני איז געווען שכור׳לעך און זיינע אויגען זיינען געווען געווענדעט אויף די טאַנצענדע מייד־לעך. נעבען איהם זיינען געזעסען זיינע צוויי פרויען מיט די פיס אונטער זיך.

דוד איז פּאַוואָלינקע, מיט גרויס פּאָרזיכטיגקייט צוגעגאַנגען צו דעם געצעלט פון וואנען דער אויסרוף איז געקומען. ער האָט געזעהן ווי א יונג שטעהט נעבען אריינגאַנג און היט דעם געצעלט. ווען ער האָט אָבער באַ־מערקט אז זיינע אויגען זיינען פארנומען מיט׳ן קוקען אויף די טאַנצענדע מיידלעך, האָט ער זיך אוועקגעשאַרט אָן א זייט און איז אוועק צו דען הינ־טערשטען טייל פון געצעלט. ער האָט זיך איינגעבויגען און ער האָט אויס־גערופען אין העברעאיש: „ווער האָט עס גערופען נאָך הילף"?

— העלף אונז! — העלף אונז! — האָט די פרויען שטימע זיך גע־לאָזט הערען.

דוד האָט מיט א שארפען מעסער׳ל דורכגעלעכערט דעם דיקען לייווענד פון דער הינטערשטער וואנט פון געצעלט ביז וואנען ער האָט געקענט ארייג־קומען אינווייניג. ער האָט דערזעהן די יונגע שעהנע שרה און אלמאעלי׳ן, און האָט זי געפרעגט.

— ווער זייט איהר?

— מיר זיינען אידען, פון קאָרדאָווא, מיר זיינען געפאַנגען געוואָרען ביי איינעם, וועלכער האָט אונז פריהער בערויבט.

— דערצעהלט מיר אלע איינצעלהייטען וואָס האָט פּאסירט מיט אייך! — האָט דוד געזאָגט — איהר דארפט פאר מיר קיין מורא ניט האָבען. איך האָב די מעגליכקייט אייך צו העלפען.

די אידישע לאַגע אין קאָרדאָווא איז געווען אונערטרעגליך, מען האָט אונז געצוואונגען צו ווערען מאָכמעדאַנער, האָבען מיר ביידע, איך און מיין שוועסטער זיך קוים מיט אונזערע לעבענס גערעטעט און מיר זיינען פון קאָר־דאָווא ענטלאָפען געוואָרען. איך האָב מיט זיך געהאַט הונדערט גאָלדענע רענדלעך. אין וועג האָבען מיר באַגעגענט דעם סוחר אלהוני פון באַגדאַד. מיר זיינען געווען איינזאַם, הילפלאָז און זיך ניט געוואוסט וואוהין צו ווענ־דען. אלהוני האָט אונז ארויסגעוויזען גנאַדע און אונז געזאָגט אז מיר זאָלען זיך צוליעב זיכערקייט וועגען אָנשליסען אָן זיין קאראַוואַן. מיר האָבען קיין

אנדער אויסוועג ניט געזעהן און זיך אָנגעשלאָסען. ער האָט אונז געזאָגט, אז מיר זאָלען מיט איהם מיטרייזען נאָך באגדאד, דאָרטען וועלען מיר זיך פיהלען פריי. איך האָב געמיינט, אז ער איז אן עהרליכער מאַן, און מיר האָבען איינגעשטימט מיטצורייזען מיט איהם. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום האפען האָט ער געשיקט זיין יונג ער זאָל פון מיר אוועק'גנב'ענען מיין געלט. און ווען איך האָב זיך געכאַפּט אז מען האָט מיך בערויבט, זיינען מיר געבליבען אין א שרעקליכע לאַגע, געהן צוריק האָבען מיר ניט געקענט און זעצען זיך אויפ'ן שיף האָבען מיר קיין געלט ניט געהאַט. האָט זיך אלהוני אָפּגערופען צו אונז אז ער וועט אויסלייגען דאָס געלט וואָס בעטרעפט די הוצאות פאַר אונזער רייזע און אז מיר וועלען אָנקומען אין באגדאד, וועלען מיר איהם אָפּצאָהלען. איך האָב איינגעשטימט, ווייל מיר איז ניט איינגעפאלען אז אין איהם ליגט פאלשקייט און בעטריגערייַ. און ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער שיף האָבען מיר אויסגעפונען דעם שווינדעל, ער האָט געהאַט אן אָפּמאַך מיט דעם קאַפּיטאַן און מיר געצוואונגען איך זאָל זיך אונטערשרייבען, אז איך מיט מיין שוועסטער, שרה, וועלכע, ער גלויבט איז מיין פרוי, זאָלען זיין זיינע שקלאַפען אויב מיר וועלען ניט האָבען ווער עס זאָל אונז אויסלייזען און איהם בעצאָהלען די סומע געלט. שפּעטער האָבען מיר אויסגעפונען פון איינע פון זיינע פרויען אז ער האָט זיין יונג געהייסען אונז בערויבען און יעצט וויל ער נאָך אונז פאַר זיינע שקלאַפען מאַכען. ער האָט געוואָרפען זיינע אונרייניע אויגען אויף מיין שוועסטער און וויל זי צווינגען צו ווערען זיין קעבס ווייב.

ווען דוד אלראָי האָט עס דערהערט האָט ער אויסגערופען:

איך שווער אין נאָמען פון דעם גאָט פון ישראל און אין נאָמען פון מיין אור-עלטער זיידען „דוד המלך", פון וועלכע משפּחה איך שטאַם, אז איך וועל ניט דערלאָזען אז אזא אומרעכט זאָל געטהאָן ווערען און צו א אידישע טאָכטער! אויב איך וועל קיין גערעכטיגקייט ביים קאדי (שופט) ניט קריגען, וועל איך מיין פויסט באַנוצען. און יעדענפאלס קענט איהרביידע זיך בערוהיגען, ווייל איך האָב גענוג געלט אייךביידען גלייך אויסצולייזען, אויב דאָס וועט זיין דער איינציגער מיטעל אייך ביידען צו בעפרייען, זאָג מיר, ביזטו זיכער אז דער יונג וואָס היט דיזען געצעלט האָט דיך בארויבט!

— יע, איך בין זיכער! — האָט אלמאעלי אויסגערופען — ער האָט זיך ארום מיר געדרעהט ביז וואנען מיין גארטעל און דאָס געלט וואָס איז דאָרט געווען איז פון מיר פערשוואונדען געוואָרען. אויסער דעם האָט איינע פון אלהוני'ס פרויען באַשטעטיגט אז דער יונג האָט אויוגעפאָלגט די שליחות פון אלהוני'ן.

— דאָס וועט ניט געשאָנקען ווערען — האָט דוד אלראָי אויסגערופען, איך וועל איהם גלייך צום קאדי שלעפּען. זיין אייגענער יונג וועט עדות זאָגען געגען איהם. ער וועט זיך מודה זיין.

— דאָס וועט ער קיינמאָל ניט טהאָן! — האָט שרה זיך אָפּגערופען, ער וועט מורא האָבען פאַר זיין לעבען. זיינע פרויען ווייסען אויך וואָס ער האָט געטהאָן, און ווי פאַרדאָרבען ער איז, אָבער זיי וועלען ניט וואגען ארויסצוטרעטען געגען זייער אייגענעם מאַן.

— פאר מיר איז גענוג אז דער יונג ווייס. ער וועט שוין ריידען, זייט נאר ביידע רוהיג און האט פאר קיינעם קיין מורא נים.

דוד האט זיך אויפגעשטעלט און איז אריבער צו דער זייט וואו דער אריינגאנג פון געצעלט איז געווען. ער איז צוגעקומען צו דעם יונג, וועלכער איז געשטאנען מיט זיינע הענט צוזאמענגעלייגט און ער האט זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון די טאנצענדע מיידלעך. א תאוה'שער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע דיקע ליפען. די מוסקולען פון זיינע דיקע פון זון פארברענטע ארעמס האבען זיך באוויגען.

— ווי איך זעה האסטו גרויס פארגעניגען פון די טאנצענדע מיידלעך — האט דוד זיך אפגערופען צו דעם יונג.

דער יונג האט א קעהר געטהאן זיין קאפ און אויף איהם געווארפען א בליק. ער האט איהם גארניט געענטפערט. ער איז געבליבען שטעהן באוועגלאז אויף זיין פלאץ און צוריק אנגעווענדעט זיינע בליקען אויף די טאנצענדע מיידלעך.

— עס איז א שאדען וואס די מיידלעך זיינען ניט ארומגעגארטעלט מיט גארטלען פול מיט רענדלעך ארום זייערע היפטען — איז דוד צו איהם נאך נעהענטער צוגעגאנגען — דו וואלסט שוין געוואוסט ווי אזוי אויסצולייזיגען זייערע רענדלעך !...

דאס בלוט איז דעם יונג אין פנים אריין. ער איז געווארען א ווילע צוטומעלט, און דאן האט ער אויפגעהויבען זיין האנט או זיך פארמאסטען געגען פרעמדען.

גאנץ פלינק האט דוד א הויב געטהאן זיין רעכטע האנט און אריינגע־לאזען דעם יונג אזא מעכטיגען זעץ אין מארדע, אז יענער איז באלד אומ־געפאלען צובלוטיגטער. דאס איז געטאן געווארען שנעל און פלינק, אז קיינער פון די ארומיגע געצעלטען האט עס ניט באמערקט. יעדער איז געווען פארטיפט אין דעם טאנצען און געזאנג.

דוד האט גלייך גענומען אריינשלעפען דעם האלב פאר'חלש'טען און צוטומעלטען יונג אין געצעלט, וואו אלמאעלי און שרה זיינען געווען.

דער ברודער און שוועסטער זיינען באלד צוגעקומען צו דעם פלאץ און האבען מיט גרויס באוואונדערונג צוגעקוקט ווי אזוי ער האט מיט איין קלאפ אוועקגעלייגט אזא געזונטען יונג און איהם ארוגגעשלעפט אינווייניג.

דער יונג איז געבליבען זיצען אויף דעם באדען פון געצעלט, דאס בלוט האט גערונען פון-זיין מויל.

— פארוואס האסטו איהם בארויבט ? — האט דוד זיך אפגערופען צום יונג — ענטפער מיר, פארוואס האסטו ביי איהם אוועקגערויבט הונדערט גאלדענע רענדלעך-?

דער יונג האט גענומען ארומטאפען זיין געשוואלענע מארדע, און גע-ענטפערט א צושראקענער:

— איךהאב איהם ניט בארויבט !

— וואס ? ! — איז דוד צוגעשפרונגען צו איהם און איהם דערלאנגט אזא טרייסעל, אז דער יונג האט געמיינט, אז זיינע גלידער וועלען צושאטען ווערען — דו ווילסט אפלייקענען, אז דו האסט פון איהם אוועקג'עגנב'עט

דעם גאַרטעל מיט די רענדלעך? אויב דו וועסט זיך באַלד ניט מודה זיין וועל איך דיר לאָזען פיהלען נאָך אַמאָל די מאַכט פון מיין פויסט.

— איך וויים ניט פון וואָס צו זאָגען! — האָט דער יונג געמאַכט א פאַרזוך זיך אויפצושטעלען.

דוד האָט איהם אָנגענומען פאַר זיין האַנט און איהם אזא שטאַרקען דריק געטהאָן, אז דער יונג האָט זיך געדרייט און געקאַרטשעט פון יסורים.

— אויב דו ביזט זיך באַלד ניט מודה, וועל איך דיר מיט נאָך איין קלאַפּ א טויטען אַוועקלייגען!

— המ... ער... איך קען ניט... איך האָב מורא! — האָט זיך דער יונג ביי איהם גענומען בעטען.

דוד האָט אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנט און איז געוועזן גרייט אריינצופאָהרען נאָך אַמאָל אין מאָרדע.

— אָה, איך בעט דיך, מיין האַר, שלאָג מיך ניט! —האָט דער יונג פאַרשטעלט זיין פּנים מיט זיינע הענט.

— אויב אזוי דערצעהל מיר דעם אמת, פאַרוואָס האָסטו איהם באַרויבט? איך וועל צעהלען ביז דריי און אויב ביז דאַן וועסטו מיר ניט אָנפאַנגען דערצעהלען וועל איך דיר אזוי צושלאָגען, אז קיין גאַנץ גליד וועט אין דיין קערפּער ניט בלייבען. איינס... צוויי...

— איך וועל דערצעהלען! — האָט דער יונג, מיט א צושראָקענע שטימע אויסגערופען. — איך בין ניט שולדיג. מיין האַר אלהוני האָט מיר דערצו געצוואונגען...

— וואָס האָט ער דיך געצוואונגען? — האָט דוד בייז אויסגערופען.

ער האָט מיך געצוואונגען צו געהן און בארויבען אלמאעלי'ן. ער האָט אויסגעפונען, אז אין זיין גאַרטעל האַלט ער גאָלדענע רענדלעך, האָט ער מיך צוגערופען און מיר אָנגעזאָגט איך זאָל פון איהם דעם גאַרטעל מיט די געלד ארונטערנעמען. דאָס איז ניט די ערשטע „ארבייט", וואָס איך האָב פאַר איהם געטאָן. ער האָט מיך געצוואונגען צו בארויבען פּיעלע מענשען פאַר איהם, און ווען איך פּלעג ניט זיין ערפאָלגרייך, פּלעגט ער מיך מערדערליך שלאָגען.

— דו וועסט אַלץ, וואָס דו האָסט נאַר וואָס געזאָגט, מוזען דערצעהלען פאַר דעם קאַדי! — האָט דוד אויסגערופען — דעם גאַנצען אמת פאַר אלהוני'ן אין די אויגען וועסטו מוזען דערצעהלען, אז ניט וועל איך פון דיר מאַכען אש און שטויב! ווייסטו דען ניט וואָס פאַר א שטראָף עס קומט אַן באַגדאַד פאַר בארויבען א צווייטען? הענגען וועט מען דיך... אויף דיין האַלז וועט מען א פּעטליע ארויפוואַרפען או זמען ועט דיך אויפהענגען... די פויגעל פון הימעל וועלען דיין פלייש צופּליקען... ווען אָבער דו וועסט זיך מודה זיין פאַר דעם קאַדי און דו וועסט איהם דעם אמת דערצעהלען, אז דו ביזט מעהר ניט ווי א קנעכט און דיין האַר האָט דיך געצוואונגען צו בארויבען אלמאעלי'ן, דאַן וועט מען דיר ניט באַשטראָפען. אלהוני וועט באַשטראָפט ווערען און דו וועסט נאָך פיללייכט געווינען דיין פרייהייט דורך דעם, וואָס דו וועסט דעם קאַדי דערצעהלען וועגען אַלע גנבות וואָס דו האָסט פאַר איהם געמאַכט.

— איך האָב מורא, ער זאָל מיך אויפ'ן אָרט צום טויט ניט דערשלאָגען, ווען ער וועט אויסגעפינען, אז איך געה צום קאדי עדות זאָגען געגען איהם!

— איך וועל דיך פון איהם באַשיצען. ער וועט ניט וואגען א פינגער אויף דיר ארויפצולייגען. נו, שווער מיר צו ביי אללאה, אז דו וועסט דעם אמת פאר דעם קאדי דערצעהלען.

— איך שווער! איך שווער ביי אללאה און זיין נביא מאַכמעד! — האָט דער יונג געשוואָרען טרייסלענדיג זיך פון שרעק.

— קומט אלע אין דרויסען ארויס! — האָט דוד אלראָי זיך געווענדעט צו אלמאַעלי'ן או [צו שרה'ן, און אָננעמענדיג דעם יונג פאר זיין האנט האָט ער איהם נאָך אמאָל געוואָרענט:

— געדענק! אויב דו וועסט דיין וואָרט ניט האלטען וועסטו דיין לע-בען אינגאַנצען פארלירען!

ווען זיי זיינען אלע פון געצעלט ארויס האָט דוד מיט א הויכע שטימע ארויסגעשריגען:

„א רויבער!! א גנבה, א גזלה!! צום קאדי!! צום קאדי!"

דער געזאַנג און דאָס שפּילען האָט באלד אויפגעהערט. די מיידלעך זיינען באלד געבליבען שטהען אינמיטען טאַנצען, דער לוסטיגער המון האָט זיך א לאָז געטאָן צו דעם פּלאַץ, וואו דוד איז געשטאַנען מיט אלמאַעלי'ן און שרה'ן.

אלהוני, וועלכער איז געזעסען די גאנצע צייט און אָנגעקוואָלען פון די טענצערינס, האָט, דערהערענדיג די געשריען, וואָס קומען פון זיין געצעלט, שנעל זיך א הויב געטאָן און האסטיג גענומען לויפען.

— וואָס איז געשעהן!! — האָט אלהוני א געשריי געטאָן צולויפענדיג צו דוד'ן.

— ער איז דאָס אלהוני! — האָט אלמאַעלי א זאָג געטאָן צו דוד'ן, אָנ-צייגענדיג אויף איהם מיט'ן פינגער.

— ווער ביזטו, און וואָס ווילסטו פון מיינע שקלאַפען? — האָט אלהוני ארויסגעשטורעמט צו דוד'ן.

—א גנבה, א גזלה! — האָט דוד נאָך העכער גענומען שרייען — צום קאדי! צום קאדי!

— אוועק פון דאנען, דו משוגענער! — איז אלהוני צוגעלאָפען צו דוד'ן און אויפגעהויבען זיין האנט.

דוד האָט איהם אָבער געגעבען אזא שטארקען שטויס, אז אלהוני האָט זיך איבערגעקוליעט צוויי מאָל.

די מענשען פון ארום זיינען צוגעלאָפען צו דוד'ן און איהם געוואָלט שלאָגען.

— ער איז אגנב! ער איז א שווינדלער! — האָט דוד ניט אויפגע-הערט צו שרייען, אָנווייזענדיג אויף אלהוני'ן — איך רוף איהם צום משפט, צום קאדי!

— מיינע שקלאַפען! מיינע שקלאַפען! — האָט אלהויני געשריגען צום יונג — וואָס איז דאָ געשעהן, פארוואָס האָסטו זיי געלאָזען ארויס פון מיין געצעלט-!

דער יונג האָט געציטערט, זיינע ציינער האָבען געקלאַפּט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און וואָס צו ריידען.

דער המון איז גערעסער געוואָרען. דוד האָט א נעם געטאָן אלהוני'ן און געשריען: צום קאַדי וועסטו מיט מיר געהן, דו רויבער, דו גנב! דו האָסט באַרויבט צוויי אומשולדיגע מענשען. דו האָסט פון זיי זייער געלט אוועקגערויבט! הונדערט גאָלדענע רענדלעך האָסטו פון זיי אוועקגענומען! איהר הערט, גאָטס פּאַרכטיגע מאַכמעדאַנער? — האָט זיך דוד געווענדעט צו די פּאַרזאַמעלטע — אָט דיזער יונגערמאַן אַלמאַעלי און זיין שוועסטער שרה, זיינען עהרליכע מענשען. דיזער שווינדלער האָט זיי באַרויבט פון זייער געלט און נאָכהער נאָך געצוואונגען צו ווערען זיינע שקלאַפען. אָט איז דיזער יונג, זיין שקלאַף, איהם האָט ער געצוואונגען זיי צו באַרויבען. הונדערט גאָלדענע רענדלעך האָט ער פון אהם אוועקגערויבט. דערצעהל עס יונג פאַר אַלעמען, איז עס ניט אמת?

דער יונג האָט גענומען דרעהען מיט זיינע צושראָקענע אויגען. ער האָט ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען. דאָ האָט ער געקוקט אויף דוד'ן און דאָ אויף אלהוני'ן.

— דערצעהל דעם אמת, זאָג איך דיר! — האָט דוד א געשריי געטאָן אויף דעם יונג, — דערצעהל! — האָט ער דיך ניט געצוואונגען איהם צו באַרויבען?!

— יע — האָט דער יונג ארויסגערעדט און די ווערטער האָבען איהם אין האַלז געשטיקט.

— איר הערט, זיין אייגענער יונג איז זיך מודה! איהר זעהט, וואָס פאַר א שווינדלער און וואָס פאַר א רויבער ער איז! ער האָט אויך פיעלע אנדערע באַרויבט און באַשווינדעלט. דיזער יונג וועט אַלץ דערצעהלען פאַר דעם קאַדי. איהר ווירדיגע מענשען העלפט מיר איהם פיהרען צום קאַדי!

— צום קאַדי! צום קאַדי! — האָבען די פאַרזאַמעלטע גענומען שרייען.

— וואָס האָסטו געטאָן?! —האָט אלהוני זיך א וואַרף געטאָן אויף זיין יונג מיט זיינע פויסטען, — אָבער דוד האָט איהם אָפּגעשליידערט פון איהם.

— צום קאַדי וועסטו געהן! — האָט דוד געשטורעמט.

דערווייל זיינען ארויסגעקומען דוד'ס העלדישע יונגען פון געצעלט, ווייל זיי האָבען געהערט דעם טומעל און ווען זיי האָבען געהערט וואָס דוד טהוט, האָבען זיי אויך גענומען שרייען: „צום קאַדי! שלעפּט איהם צום קאַדי, דעם שווינדלער!"

— צום קאַדי! צום קאַדי! — האָט דער המון נאָכגעשריען און גענומען שלעפּען אלהוני'ן.

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט אלהוני געשריגען — איך וועל אייך אלעמען צייגען. איך האָב זיין אונטערשריפט, אז ער און זי זיינען מיינע שקלאַפען — אָט וועל איך אייך עס צייגען!

— דאָס וועסטו צייגען דעם קאַדי, אין הויז פון גערעכטיגקייט! — האָט דוד געשריען, — דאָרטען וועט דיין שווינדעל ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער ארויפקומען. נעמט איהם, דעם שווינדלער.

דער המון האָט זיך גענומען צו אלהוני'ן. מען האָט איהם געשלעפּט און געשריען: געה צום קאדי!

מיט יעדער רגע איז דער המון גרעסער געוואָרען. דוד און זיינע יונגען האָבען איהם געשטופּט און געשריען. ר האָט אויך געהאַלטען אן אויג אויף אלהוני'ס יונג ער זאָל ניט אַנטלויפען.

אלהוני'ס פרויען, וועלכע זיינען אויך צוגעקומען צו דעם פּלאַץ פון דער געשעהעניש, און הערענדיג וואָס עס קומט פאָר, האָבען געשוויגען. אין זייערע הערצער זיינען זיי געווען צופרידען צו וויסען, אז די שווינדלערייען און גנבות פון זייער פאַרדאָרבענעם מאַן, אלהוני, קומען ארויס אין דער עפענטליכקייט.

— איהר הערט מיינע פרויען, אין וואָס אייער מאַן ווערט באַשולדיגט?

— האָט זיך אלהוני געווענדעט צו זיינע פרויען, אָבער זיי האָבען זיך ניט הערענדיג געמאַכט.

— קומט אויך צום קאדי! — האָט אלהוני א זאָג געטאָן צו זיינע פרויען — איהר וועט דאָרט מיינע עדות זיין. איהר וועט דעם קאדי זאָגען ווי עהרליך איך בין, ווי זויבער און ריין איך בין פון זינד!

די פרויען האָבען טיפער זייערע שלייערס אבער זייערע פּנים'ער ארונטערגערוקט און נאָכגעגאַנגען שווייגענדיג.

דאָס געריכט-הויז איז געווען אין מיטען דער שטאָדט באַגדאַד. דער המון איז וואָס ווייטער אלץ גרעסער געוואָרען און דוד האָט אלהוני'ן צום קאדי געשלעפּט.

עס האָט געדויערט א היבשע ווייל ביז וואנען זיי זיינען צוגעקומען צום געריכט-הויז. די פּאָליציי איז געווען פארנומען צו צוטרייבען דעם המון, איבערלאָזענדיג די וועלכע זיינען געווען פארבונדען מיט דעם משפּט... יענע זיינען אלע אריינגעלאָזען געוואָרען אין געריכט-הויז. עס איז געוואָרען א טומעל און א געשריי. יעדער האָט גע'טענה'ט און געשריגען, ביז וואנען עס איז די בעאַמטע געלונגען אלעמען איינצושטילען.

דאן האָט דער קאדי געהייסען אלעמען זיך אויסזעצען אויף די בענק און ער האָט זיך גענומען צו מאכען אן אויספאָרשונג.

— ווער באַשולדיגט וועמען? — האָט ער אויסגערופען.

אלהוני האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און גענומען שרייען און ליארמען, ביז וואנען מען האָט איהם געהייסען זיך צוריק זעצען.

דאן האָט זיך אויפגעהויבען דוד, און טייטלענדיג מיט זיין פינגער אויף אלהוני'ן, האָט ער אויסגערופען:

— דיזער אומווירדיגער מאַן איז א גנב און א רויבער! ער האָט באַרויבט דעם יונגענמאַן און זיין שוועסטער פון זייער געלט.

— עס איז א ליגען! עס איז א שווינדעל! — האָט אלהוני זיך צו שריען. — זיי זיינען גאָר מאַן און פרוי. זיי זיינען מיינע שקלאַפען. איך שווער ביי דער באָרד פון מאַכמעד. איך האָב באַווייזע!

— ווען דיין צייט וועט קומען וועסטו ריידען! — האָט דער קאדי אויסגערופען, און ווענדענדיג זיך צו אלמאַעלי'ן האָט ער איהם געהייסען דערצעהלען אלץ וואָס ער ווייס.

אלמאעלי האָט געלאַסען און רוהיג אַלץ דערצעהלט. ער האָט די איינ-צעלהייטען פון דער באַגעגניש מיט אלהוני'ן דערצעהלט פאַר דעם ריכטער. ווי אַזוי ער האָט נאָכהער איהם באַשווינדעלט און געצוואונגען זיין שקלאַ-פען יונג איהם צו באַרויבען און נאָכהער אַז ער האָט קיין אַנדער אויסוואהל ניט געהאַט, האָט ער געצוואונגען איהם אונטערצושרייבען אַז ער און זיין שוועסטער זאָגען ווערען זיינע שקלאַפען.

— פון וואַנען וויים איך, אַז דו זאָגסט דעם אמת? — האָט דער קאָדי איהם געפרעגט.

— זיין אייגענער יונג, וועמען ער האָט געצוואונגען צו באַגעהן די גנבה וועט אַליין עדות זאָגען, ווירדיגער קאָדי! — האָט דוד אויסגערופען.

דער קאָדי האָט צוגערופען דעם יונג, אויף וועמענס פּנים עס זיינען נאָך געווען די סימנים פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגען פון דוד'ן.

—דערצעהל דעם קאָדי דעם אמת! — האָט דוד זיך צו איהם אָפּגע-רופען — דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען, אויב דער ריכטער וועט גע-פינען אַז ער איז שולדיג, וועט ער דיר קיין בייז ניט קענען טהאָן.

— איז עס אמת, אַז אלהוני האָט דיר געצוואונגען צו באַגעהן אַ רויי-בעריי? — האָט דער קאָדי זיך געווענדעט צום יונג.

— יאָ, עס איז אמת! —האָט דער יונג געענטפערט.

אלהוני איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ און האָט געוואָלט צולויפען צום יונג, אָבער אַ בעאַמטער האָט איהם פאַרהאַלטען.

— דערצעהל מיר אַלעס — האָט דער קאָדי זיך געווענדעט צום יונג.

— ווען מיר זיינען צוגעקומען צום האַפען האָט מיין האר אלהוני מיך אַוועקגערופען אָן אַ זייט און ער האָט צו מיר געזאָגט: — איך האָב אויס-געפונען אַז אלמאעלי האָט אין זיין גאַרטעל הונדערט גאָלדענע רענדלעך און דעריבער פאַרלאַנג איך, אַז דו זאָלסט פון יהם ארונטערנעמען זיין גאַרטעל און מיר איבערגעבען דאָס געלט און דעם גאַרטעל זאָלסטו אַוועקוואַרפען.

— און דו האָסט איהם געפאָלגט? — האָט דער קאָדי איהם געפרעגט.

— איך בין געצוואונגען צו פאָלגען מיין האר, ווייל אויב ניט שלאָגט ער מיך מערדערליך. יע, עס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט מיך געצוואונגען דורכצופיהרען פאַר איהם אַזאַ ארבייט.

— דו ליגנער, דו פאַלשער שקלאַף! — האָט אלהוני אויסגעשריגען.

— און אפילו נאָכדעם ווען איך האָב איהם די גאַנצע געלט איבערגעגע-בען האָט ער מיך געשלאָגען — האָט דער יונג ווייטער געזאָגט.

און פאַרוואָס האָט ער דיך נאָכדעם געשלאָגען? — האָט דער ריכטער איהם געפרעגט.

— ווייל ער האָט איבערגעצעהלט די רענדלעך און איהם האָט זיך אויס-געדוכט, אַז עס פעהלען דריי רענדלעך, האָט ער מיך באַשולדיגט, אַז איך האָב די דריי רענדלעך צוגענומען פאַר זיך, האָט ער מיך געשלאָגען פאַר די אויגען פון זיינע פרויען.

דער קאָדי האָט גלייך געהייסען אלהוני'ס פרויען צוקומען צו איהם.

— זייט איהר געווען דערביי, ווען ער האָט דעם יונג געשלאָגען? — האָט דער קאָדי געפרעגט די פרויען.

די פרויען זיינען געשטאַנען מיט די שווארצע שלייערס אריבערגעצוי־גען אויף זייערע פּנים׳ער און געשוויגען.

דער קאַדי האָט ווידערהאָלט זיין פראַגע און זיי געהייסען ענטפערען.

— צי אזוי צי אזוי זיינען מיר פאַרלאָרען! — האָט איין פרוי אויס־גערופען — אָבער ווי אזוי קענען מיר עדות זאָגען געגען אונזער מאַן?

— אויב עס איז דער אמת דאַרפט איהר קיין מורא ניט האָבען צו דער־צעהלען אפילו געגען אייער מאַן — האָט דער קאַדי געזאָגט — זאָגט מיר, זייט איהר געווען דערביי ווען ער האָט זיין יונג געשלאָגען?

—יע, —האָט די פרוי געענטפערט.

— און ווייסטו פאַרוואָס ער האָט איהם געשלאָגען?

— יע, איך ווייס, ווייל איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס פעהלען דריי רענדלעך פון דעם געלד וואָס ער האָט איהם געגעבען.

— און צו וועמען האָט דאָס געלד געהערט?

—דאָס געלד האָט ווירקליך געהערט צו אַלמאַעלי׳ן.

— הייסט עס, אַז דו גיסט צו, אַז דיין מאַן האָט באַרויבט אַלמאַעלי׳ן פון זיין געלד?

— וואָס זאָל איך טאָן? איך ווייס אז מיין פליכט איז מיט מיין מאַן — האָט די אינגערע פון אלהוני׳ס פרויען זיך אָפּגערופען — אָבער איך ווייס אויך, אז דער היילינער נביא מאכמעד פאַרלאַנגט, אז מיר זאָלען דערצעהלען דעם אמת!

— דערצעהל מיר וואָס דו ווייסט! — די אינגערע פרוי האָט זיך אָפּ־גערופען.

— ווען אַלמאַעלי און שרה האָבען זיך אָנגעשלאָסען צו מאַכען די רייזע צוזאַמען, האָב איך אויסגעפונען, אז אלהוני האָט געוואָרפען זיינע אויגען אויף שרה׳ן, אַלמאַעלי׳ס פרוי — האָט די אינגערע פרוי זיך אָפּגערופען.

— איז שרה דיין פרוי אָדער דיין שוועסטער? — האָט זיך דער קאַדי געווענדעט צו אַלמאַעלי׳ן.

— זי איז מיין שוועסטער, אָבער איך האָב מורא געהאַט אלהוני זאָל זי ניט וועלען צונעהמען פאַר זיך, האָב איך איהם געזאָגט, אז זי איז מיין פרוי, אָבער דאָס האָט איהם אפילו ניט אָפּגעשטעלט דורכצופיהרען זיין שווידער־ליכען פּלאַן! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט.

— יעצט קענסטו דערצעהלען ווייטער! — האָט דער קאַדי זיך אָפּגע־רופען צו אלהוני׳ס אינגערער פרוי.

— איך האָב גלייך באַמערקט, אז ער איז ניט גלייכגילטיג צו שרה׳ן, — האָט זי פאָרטגעזעצט, — און מיין האַרץ האָט מיך געשראָקען, ער זאָל איהר קיין שלעכטס ניט טהאָן. אָבער וואָס האָב איך געקענט טהאָן? ריידען צום מאַן און באַווייזען איהם, אז ער באַגעהט א זינד, קענען מיר ניט, ווייל מיר זיינען שקלאַפען, וועמען ער האָט פאַר געלט געקויפט. האָבען מיר, ביידע פרויען, צוגעזעהן, ווי ער טרינקט ווייז און צעהלט איבער די רענדלעך. פאַר אונז אין די אויגען האָט ער דעם יונג געשלאָגען און איהם באַשולדיגט, אז ער האָט איהם ניט איבערגעגעבען אלע רענדלעך, וואָס ער האָט אוועק־גע׳גנב׳עט פון אַלמאַעלי׳ן.

—אַה, דו אומווירדיגע פרוי! — איז אַלהוני אויפגעשפרונגען פון זיין פּלאַץ און געדריקט זיינע פויסטען. — איך וועל דיר פאַר דעם ניט שענקען!

— דו וועסט איהר קיין שלעכטס ניט טהאָן! — האָט דער קאַדי איהם געהייסען זיך צוריקזעצען אויף זיין פּלאַץ. — איך זעה, אַז דו ביזט ווירקליך אַ שווינדלער און אַ גנב און דו וועסט דיין שטראָף באַקומען.

דער קאַדי האָט פאַרענדיגט אויספרעגען די עדות. ער האָט אויך אויסגעהערט וואָס שרה האָט צו דערצעהלען. און דאַן האָט ער צוגערופען אַלהוני'ן און איהם געהייסען דערצעהלען.

אַלהוני'ס פּנים האָט געברענט פון צאָרן. ער האָט געוואָרפען בייזע בליקען אין דער ריכטונג, וואו זיין יונג איז געשטאַנען און אויך אויף זיינע פרויען.

— דאָס אַלץ איז אַ ליגען און אַ בלבול! — האָט ער זיך געווענדעט צום קאַדי, — איך בין זיכער, אַז מיין יונג איז אונטערגעקויפט געוואָרען פון דיזען מאַן! — האָט ער אָנגעצייגט אויף דוד'ן, — און אויך מיין פרוי האָט געוואָרפען אַן אויג אויף איהם און דעריבער האָט זי געגען מיר עדות געזאָגט, כדי צו געפינען חן אין זיינע אויגען. איך דבין, מיין האַר קאַדי, אַן עהרליכער מאַן. איך בין אַ סוחר או רייז איבער פילע לענדער. איך שטעל מיין לעבען אין געפאַהר, כדי עהרליך צו פאַרדינען מיין ברויט. איך שווער ביי דער באָרד פון אונזער הייליגען מאַכמעד, אַז איך האָב מיין יונג ניט געהייסען גנב'ענען דאָס געלט פון אַלמאַעלי'ן. ער האָט צו מיר קיינמאָל דאָס געלט ניט געבראַכט! איך האָב באַגעגנט אַלמאַעלי'ן און שרה'ן אין וועג. זיי זיינען געווען אַליין און האָבען ניט געוואוסט ווי אַזוי צוצוקומען צום האַפען, האָב איך זיי אַרויסגעהאָלפען. איך האָב זיי פון מיין ברויט געגעבען צו עסען און פון מיין וואַסער צו טרינקען. ביז וואַנען מיר זיינען צוגעקומען צום האַפען. קורץ, איידער די שיף איז אָפּגעגאַנגען, האָט זיך אַלמאַעלי געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרלוירען אַ גאַרטעל מיט געלט. איך האָב אַפילו ניט געוואוסט, אויב ער האָט געלט און אַז ער האַלט עס אין זיין גאַרטעל. ער איז געגאַנגען זוכען און שפּעטער געפונען דעם גאַרטעל, אָבער אָהן דעם געלט. געוויס האָט זיך דאָס געלט ביסלעכווייז אויסגעשאָטען אויפ'ן וועג. ווען איך האָב געזעהן, אַז ער און שרה זיינען אין אַ שרעקליכער לאַגע און זייער פאַרצווייפלונג איז גרויס, האָב איך אויף זיי ביידען רחמנות געהאַט און האָב זיי פאָרגעשלאָגען, אַז איך וועל אויסלייגען פאַר זיי דאָס געלט פאַר די רייזע קאָסטען.

זיי האָבען מיט צופרידענהייט צוגעשטימט און איך, כדי צו זיין זיכער מיט מיין געלט, האָב איך אַלמאַעלי'ן געהייסען זיך אונטערשרייבען, אַז ער און שרה זאָלען פאַרבלייבען מיינע שקלאַפען, אויב עס וועט זיך ניט געפינען איינער, וועלכער וועט וועלען זיי אויסלייזען און אומקערהען מיר מיין געלט. און יעצט, אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין באַגדאַד, איז געקומען אָט דער פרעמדער שווינדלער און אונטערגעקויפט מיין יונג און מיין אינגערע פרוי און זיי באַשולדיגען מיר גאָר אין שווינדעל און אין גנבה. ביידע מיינע פרויען זיינען שטענדיג צוזאַמען און ווען איינע הערט און זעהט עפּעס פון מיר דאַרף אויך די צווייטע דערפון וויסען. זאָל דער האַר קאַדי אויספרעגען

מיין עלטערע פרוי און זעהן אויב די אינגערע פרוי איז ניט קיין אויסוואורף, וועלכע זוכט א וועג זיך פון מיר צו באפרייען.

דער קאדי האט צוגערופען די עלטערע פרוי פון אלהוני און זיך צו איהר געווענט:

— דו האסט דאך געווים אויך אלץ צוגעזעהן און געהערט. אין נאמען פון אונזער הייליגען נביא באשווער איך דיך, אז דו זאלסט מיר זאגען דעם אמת כדי איך זאל וויסען ווי אזוי צו אורטיילען אין דיזען משפט. דו דארפסט גאר קיין מורא נישט האבען, אויב דו וועסט זאגען דעם ריינעם אמת.

די פרוי האט עטוואס אויפגעהויבען איהר שלייער און א בליק געטהאן אויף איהר מאן, וועלכער האט אנגעשטרענגט זיינע אויגען אויף איהר. דאן האט זי געווארפען א בליק אין דער ריכטונג, וואו די אינגערע פרוי איז געשטאנען און זיך אפגערופען צום קאדי:

— נאכהער ווי מיין האר, דער קאדי, האט מיך באשוואוירען, האב איך קיין אנדער ברירה ניט ווי צו זאגען דעם אמת.

— און וואס איז דער אמת? — האט דער קאדי זי געפרעגט.

— דער אמת איז, אז אונזער מאן, אלהוני, איז שולדיג אין דעם פארברעכען. ער האט געשיקט דעם יונג גנב'ענען דאס געלט פון אלמא־עלי'ן און דיעזער פארברעכען איז איהם נאך ווינציג געווען, האט ער די בארויבטע אריינגעשווינדעלט צו ווערען זיינע שקלאפען און ניט באגני־גענדיג זיך מיט אזעלכע שווערע זינד, וואס ער איז באגאנגען, האט ער זיך גענומען צו טרינקען וויין און שיכור'ן, כדי דערמיט מעהר צו דערצארענען אונזער הייליגען נביא.

— שמידט איהם אין קייטען! ער איז א גנב און א שווינדלער! — האט דער קאדי באפוילען.

אבער אלהוני, דערזעהענדיג, אז עס האלט שמאל מיט איהם, האט א שליידער געטהאן איינעם פון די בעאמטע, וועלכער איז געשטאנען נעבען איהם און האט זיך א לאז געטהאן צו דעם ארויסגאנג. און איידער די איבעריגע בעאמטע האבען באוויזען איהם צו כאפען איז ער שוין געווען אין דרויסען.

ווען דוד אלראי האט דערזעהן, האט ער גענומען איהם נאכיאגען און האט איהם דערגרייכט. א קאמף איז ענטשטאנען צווישעןביידען. א פאר־צווייפעלטער און פארביטערטער קאמף. דוד האט איהם מכבד געווען מיט זיינע פויסטען. אבער אלהוני איז אויך געווען זעהר שטארק און ער האט צוריקגעשלאגען. פלוצלונג האט אלהוני ארויסגעכאפט א מעסער פון זיין בוזים און האט זיך פארמאסטען נעגען דוד'ן.

— יעצט וועל איך מאכען א סוף צו דיין אומריינעם קערפער! — האט אלהוני אויסגערופען און זיך א ווארף געטהאן אויף דוד'ן. — איך וועל דיר באווייזען ווי אזוי זיך צו מישען אין יענעמ'ס עסקים.

דוד האט א שפרונג געטהאן אויף צוריק און דאן האט ער פלינק ארויסגענומען א קורצען שווערדעל, וואס ער האט געהאט באהאלטען אונטער זיין בגד.

ווען אלהוני האט דאס דערזעהן, האט ער זיך דערשראקען. ער האט

גלייך איינגעזעהן, אז דוד איז א סך פלינקער און שטארקער פון איהם און אין א גנעפעכט וועט ער געוויס זיין לעבען פארלירען.

— לאז מיר אפ און איך וועל דיר געבען פופציג גאלדענע רענדלאך!

— האט אלהוני איהם אנגעבאטען.

— איידער איך לאז דיך אפ, וויל איך, אז דו זאלסט ארונטערווארפען דיין מעסער צום באדען.

— אבער שווער מיר, אז דו וועסט מיר קיין שלעכטס ניט טהאן!

— האט אלהוני זיך ביי איהם גענומען בעטען. — איך וועל דיר אפגעבען די הונדערט רענדלאך, וואס איך האב געקראגען פון אלמאעלי׳ן.

— לאז ארויס דעם מעסער פון דיין האנט! — האט דוד אויף איהם א געשריי געטהאן, — אויב ניט וועל איך באלד מיט מיין שווערד דיין הארץ דורכלעכערען.

דוד האט זיך גענומען דערנעהענטערען צו איהם, צילעווענדיג זיך מיט זיין שווערד צו זיין הארץ.

אלהוני האט זיך דערשראקען און האט ארונטערגעווארפען זיין מעסער. דאן האט דוד מיט זיין פויסט איהם א א זעץ געטהאן אין פנים, אז אלהוני איז אומגעפאלען. דוד האט דעם געוויכטיגען אלהוני שנעל א הויב געטהאן, ווי ער וואלט געווען א גאנץ גרינגע זאך און איהם א לייג געטהאן אויף זיין שולטער און גענומען שלעפען צוריק אין געריכט-הויז. דערווייל זיינען אנגעקומען די בעאמטע און ווען זיי האבען דערזעהן, ווי דער יונגער העלדישער דוד שלעפט דעם געזונטען שווערגעוויכטיגען אלהוני׳ן, זיינען זיי ערשטוינט געווארען. זיי האבען איהם אנגעבאטען הילף, אבער דוד האט זיי געענטפערט, אז ער וועט איהם אליין אריינברייינגען אין געריכט-הויז, וואו ער וועט קריגען זיין פארדינטען שטראף.

אלע אנוועזענדע זיינען פון געריכט-הויז ארויסגעגאנגען אין דרויסען צו זעהן, אויב דער פארברעכער וועט געכאפט ווערען. און ווי גרויס איז געווען זייער פארוואונדערונג, ווען זיי האבען באמערקט ווי דוד שלעפט אלהוני׳ן אויף זיין שולטער, ווי ער וואלט געשלעפט א יונג קעלבעלע.

— ער האט איבערמענשליכע כחות! — האט אלמאעלי אריינגעשושקעט זיין שוועסטער אין אויער. — ער איז געשיקט געווארען צו אונז פון הימעל.

— יע, ווירקליך, ווי א מלאך פון הימעל איז ער אין צייט געקומען אונז צו ראטעווען, — האט שרה געענטפערט.

באלד האט דוד אלראי צוריק אריינגעבראכט אלהוני׳ן אין געריכט-הויז. ער האט אפילו ניט ארויסגעוויזען קיין מיעדקייט, שלעפענדיג אזא שווערע „משא" א היבשען וועג.

— אט האב איך צוריקגעבראכט דעם פארברעכער! האט דוד אלהוני׳ן ארונטערגעשליידערט פון זיך און איהם אנידערגעזעצט אויף דער באנק.

— ער האט זיך פאר מיר מודה קעווען אין זיין פארברעכען. דאס געלט האט ער ביי זיך.

— שמידט זיינע פיס אין קייטען, ער זאל מעהר ניט קענען אנט-

לויפען! — האָט דער קאַדי אויסגערופען. — און דאַן זאָלט איהר איהם באַזוכען.

מען האָט געבראַכט קייטען און דוד אַליין האָט די קייטען באַהעפט צו אלהוני'ס פיס. דאַן האָט מען איהם גענומען באַזוכען. מען האָט געפונען די הונדערט רענדלאַך אין זיינע טיפּע קעשענעס און דערצו אויך פּיעלע קאָסטבאַרע שטיינער און ציערונג.

— די הונדערט גאָלדענע רענדלאַך זאָלען גלייך אָפּגעגעבען ווערען צו אלמאַעלי'ן און צו שרה'ן! — האָט דער קאַדי אַרויסגעגעבען זיין אורטייל. — און אלהוני'ס גאַנצע פאַרמעגען, וואָס ער האָט מיט זיך און וואָס עס געפינט זיך אין זיינע געצעלטען, זאָל מען אָפּגעבען צו זיינע פרויען, און אויב ער האָט קינדער, זאָל אַ גלייכער טייל געהן צו זיינע קינדער.

— ער האָט ניט קיין קינדער! — האָט איינע פון אלהוני'ס פרויען זיך אָפּגערופען.

— דאַן זאָלט איהרביידע זיין פאַרמעגען צוטיילען צווישען זיך. אלהוני'ן פאַר'משפּט איך צו אייביגער געפענגעניש און איהר ביידע זיינט באַפרייט פון איהם, ווייל ווען אייערע פאָטערס האָבען אייך צו איהם פאַר־קויפט פאַר פרויען, האָבען זיי ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ פאַרברעכער און דעריבער איז אייער הייראַט צו איהם געווען דורך אַ טעות.

שרה'ס אויגען האָבען געלויכטען פאַר פרייד, ווען זי האָט געזעהן ווי אלמאַעלי, איהר ברודער, קריגט צוריק זיין געלט.

— נאָך אַ זאַך! — האָט אלמאַעלי זיך אָפּגערופען צום קאַדי. — אין זיין בוזים געפינט זיך אַ פאַרמעט מיט מיין אונטערשריפט, וואָס אלהוני האָט מיך געצוואונגען אונטערצושרייבען, אַז איך און מיין שוועס־טער זאָלען זיינע שקלאַפען פאַרבלייבען.

— דאָס קענסטו פון איהם צוריק אַרויסבאַקומען! — האָט דער קאַדי געזאָגט, — ווייל איהר ביידע זיינט פריי!

אלמאַעלי איז צוגעגאַנגען צו אלהוני'ן, וועלכער האָט ניט אויפגע־הערט צו שליטען, און פון בוזים קעשענע אַרויסגענומען דעם פאַרמעט.

— פיהרט איהם אַוועק אין געפענגעניש! — האָט דער קאַדי באַפוי־לען די פּאָליציי־בעאַמטע.

מען האָט גענומען אלהוני'ן אַרויספיהרען פון גרעכט־הויז. אַלע אנוועזענדע זיינען געווען צופרידען מיט דעם קאַדי'ס אורטייל.

— עס איז אַ גערעכטער אורטייל, — האָבען זיי צווישען זיך גערעדט.

די גליקליכסטע און צופרידענסטע זיינען געווען אלמאַעלי און שרה. זיי זיינען פריי. זיי האָבען זייער געלט צוריקגעקראָגען. זיי זעהען יעצט, אַז אפילו אין דער פרעמד קען מען קריגען גערעכטיגקייט. עס איז ביי זיי קיין צווייפעל ניט געווען, אַז גאָט האָט זיי צוגעשיקט דוד אלראַי'ן אין צייט זיי צו ראַטעווען. זיי האָבען שוין פאַר זיך קיין אויסוועג ניט געפו־נען, זיי האָבען שוין געמיינט, אַז אַלץ איז פאַרלוירען. אַז דער אומוויר־דיגער אלהוני וועט זיי ביידען פאַר זיינע שקלאַפען מאַכען... און יעצט האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזען צום גוטען. זיי האָבען שוין מעהר ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר זייערע שונאים, וועלכע האָבען געזוכט זייערע לעבענס.

זיי זיינען אַרויס פון געריכט־הויז. דוד איז מיט זיי מיטגעגאַנגען.

— מיר האָבען ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען אונזער דאַנק צו דיר! ווירדיגער האַר! — האָט אַלמאַעלי געדריקט דוד'ס האַנט.

— גאָט, דער גאָט פון מיין אורעלטער־זיידען דוד המלך, האָט מיך אין צייט געשיקט אייך צו רעטען. און ניט נאָר אייך אליין, נאָר אונזער גאַנץ פאָלק ישראל, וואָס איז פאַרשקלאָפּט און פאַריאָגט צווישען די פעלקער!

— מיר רעדען מיט א הייליגען מאַן! — האָט אַלמאַעלי אויסגערופען און זיך א נייג געטהאָן פאַר איהם.

— מיר וועלען נאָך צייט האָבען וועגען דעם צו רעדען! — האָט דוד געזאָגט. — יעצט זיינט איהר מיינע געסט. קומט צו מיר אין געצעלט און איהר וועט עפּעס צובייסען. מיינע יונגען וועלען צוגרייטען א גוטען מאָלצייט פאַר אונז. מיר וועלען עסען און דאַנקען אונזער פאָטער אין הימעל, וואָס ער פאַרלאָזט ניט זיין פאָלק ישראל.

זיי זיינען אריין אין געצעלט און דוד האָט געהייסען זיינע יונגען צוגרייטען שפּייז. זיי האָבען אויסגעשפּרייט א טעפּיך, אויף וועלכען שרה און אַלמאַעלי האָבען זיך געזעצט.

דוד האָט זיך געזעצט נעבען זיי. ער האָט געקוקט אויף שרה'ן און באַוואונדערט איהר שעהנקייט.

— איך זעה, אז דו ביזט באַשטימט געוואָרען צו זיין די פרוי פון א גרויסען מאַן, א געטליכען מאַן! — האָט דוד זיך אָפּגערופען, — אין דיינע אויגען זעה איך א געטליכען פונק.

די שפּייזען זיינען צוגעבראַכט געוואָרען. דוד האָט זיך אָפּגערופען צו זיינע יונגען:

— איהר קאָנט זיך אויך אַוועקזעצען עסען צוזאַמען מיט אונז, ווייל אייך האָט גאָט באַשטימט צו זיין מיינע ארויסהעלפער!

אַלמאַעלי און שרה האָבען אויף דוד'ן געקוקט. זיי האָבען ניט פאַר־שטאַנען, וואָס ער מיינט. דוד האָט זיי געזאָגט, אז נאָכדעם ווי זיי וועלען אָפּעסען, וועט ער זיי אַלעס ערקלעהרען.

זיי האָבען געגעסען און געטרונקען. דוד האָט זיי אויסגעפרעגט פון זייער געבורטסשטאָדט, ווי די אידען לעבען זיך דאָרטען.

— ביז מיט עטליכע יאָהר צוריק, — האָט אַלמאַעלי געזאָגט, — זיינען די אידען אין אראַבישען שפּאַניען געווען גליקליך. זעהר גרויסע געלערענטע אידען זיינען דאָרטען געווען. ביז וואַנען א שרעקליכער שונא פון אידען און אידענטום האָט איינגענומען קאָרדאָוואַ און די אַנדערע שטעדט פון שפּאַניען. זיין נאָמען איז אבד אל מומען. ער האָט גלייך ארויסגעגעבען א גזרה אז אַלע אידען פון לאַנד זאָלען ווערען מאַכמעדאַנער, אויב ניט מוזען זיי פאַרלאָזען דאָס לאַנד. און די, וועלכע וועלען ניט פאָל־גען, וועלען באַקומען טויט-שטראָף. איך און מיין שוועסטער זיינען נאָך דאַן קליינע קינדער געווען, פיעלע אידען האָבען פאַרלאָזען דאָס לאַנד און אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער. אונזער פאָטער, צו אונזער באַדויערען, האָט באַשלאָסען צו פאַרבלייבען אין קאָרדאָוואָ און אָננעהמען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען. ער האָט אויך געוואָלט, אז מיר זאָלען איהם

נאָכטהאָן און זיך לעבען גליקליך, אָבער מיר זיינען געבליבען געטרייע אידען.

— איך זעה, אַז דער אַלמעכטיגער גאָט פון ישראל האָט אייך ביידען אויף דעם ריכטיגען וועג געפיהרט! — האָט דוד אַלראָי זיך אָפּגערופען, ווייל עס וועט שוין לאַנג ניט דויערען און עס וועט נעהמען אַ סוף צו די ליידען פון אונזער פאָלק. נקמה וועט גאָט נעמען פון אַלע אונזערע שונאים. ער וועט צוזאַמענברייננגען פון אַלע לענדער און זיי פיהרען אין דעם הייליגען לאַנד. אין דעם לאַנד וואו אונזערע עלטערען האָבען געלעבט.

— איך געדענק ווען איך בין נאָך אַ קליינע מיידעל געווען, פלעג איך גאַנץ אָפט בעזוכען דאָס הויז פון רבי מימון, און איך האָב געהערט איהם זאָגען, אַז די גאולה פון אונזער פאָלק, איז נאָך גאַנץ ווייט פון אונז. עס וועט נאָך נעמען הונדערטעיאָהרען, און דאַן וועלען זיך פריהער באַווייזען די סימנים פון דער גאולה... און איך ווייס אַז רבי מימון איז געווען אַ גרויס געלערענטער און הייליגער מאַן און זיינע רייד זיינען געווען געוואויגען און געמאָסטען.

— דאָס זאָלסטו נישט זאָגען, שרה — האָט דוד אַלראָי געענטפערט.

— די מאָס פון אידישע צרות איז שוין פול געוואָרען און גאָט, דער גאָט פון אונזערע אבות, קען שוין מעהר ניט צוזעהן אונזערע יסורים. און אַזוי ווי אין מצרים, וועט גאָט האָט געזעהן ווי שרעקליך אונזערע עלטערען האָבען געליטען, האָט ער פאַר דער באַשטימטער צייט געשיקט משה'ן, ער זאָל זיי אויסלייזען. — אַזוי וועט גאָט יעצט אויסלייזען זיין פאַרוואָגעלט פאָלק. די צייט איז גאַנץ נאָהענט! איך ווייס עס, ווייל גאָט האָט מיר דעם גייסט געגעבען צו קעמפען פאַר די אומגליקליכע, פאַר די שוואַכע און אונ־טערדריקטע . איך האָב געפונען צווישען אונזערע ברידער גרויסע העלדען, און דיזע יונגען וועלכע באַגלייטען מיך אין מיין וועג זיינען העלדען און קעמפער. זייערע ברידער וואָהנען אין די בערג. זיי זיינען פיעל, און ווען די צייט וועט קומען, וועלען זיי מיר נאָכפאָלגען און געהן קעמפען געגען די פעלקער, וועלכע זיינען אונזערע שונאים. מיר וועלען קעמפען געגען די מאַכמעדאַנער אַזוי גוט ווי געגען די קריסטען, וועלכע זיינען איצט די בעלי בתים פון אונזער הייליג לאַנד, יהודה. און דאַן וועט דאָס פאָלק ישראל ווערען פריי און פון אַלע פיער ווינקלען פון דער ערד וועט עס זיך צוזאַמענ־קומען און זיך באַזעצען אין זיין לאַנד — אין ארץ ישראל.

דוד אַלראָי איז געווען ביי זיך ניט געגאַרט. ער האָט געוואוסט, אַז פאַר אַלמאַעלי און שרה'ן, וועלכע קומען פון קאָרדאָווא און זיינען געלערענט אין דער תורה, וועט ער ניט קענען קומען גלייך און זיך אָנגעבען אַז ער איז דער באַשטימטער אויסלייזער פון גאָט, אַז ער איז דער משיח. אַזוי אָפען צו ריידען קען ער בלויז צו די אומוויסענדע אידען, וועלכע וואָהנען אין די בערג. יענע וועלען גלייך קריגען צוטרויען צו איהם און איהם גלויבען. זיי וועלען טהאָן אַלעס וואָס ער וועט פאַרלאַנגען. ניט אָבער אַזוי קען ער ריידען צו אַלמאַעלי און שרה'ן.

זיי זעהען אַז ער איז העלדיש און אַז ער קען פירען פאַרטייען, פונדעסט־וועגען וועט ער זיך דאַרפען היטען דערווייל ניט אָנצוגעבען זיך אַלס משיח, אַלס אויסלייזער פון די אידען, ביז וואַנען ער וועט אויך קריגען זייער

צוטרויען. ביסלעכווייז וועט ער זיי צוגרייטען צו דעם... די וואונדער־שעהנע שרה האָט געפונען חן אין זיינע אויגען, און ווען ער וועט ווערען קעניג פון ירושלים, וועט זי זיך פּאַסען צו זיין די קעניגין.

דאָס זיינען געווען זיינע געדאַנקען, ווען ער איז יעצט געזעסען צוזאַמען מיט זיי און אויסגעהערט זייער געשיכטע. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט זייערע הערצער געוואונען דורך זיין גרויסע העלדישקייט. וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט. און עס וועט ניט לאַנג איהם נעהמען ביז וואַנען ער וועט אויך זיי קענען זאָגען, אַז ער איז דער משיח, אויף וועמען ,דאָס אידישע פאָלק וואַרט.

וואָס מעהר ער האָט באַטראַכט שרה'ן, אַלץ מעהר שעהנקייט און חן האָט ער אין איהר געזעהן. אַזאַ זעלטענע יפת תאר האָט ער נאָך ניט באַגעגענט. און ער האָט געטומען טראַכטען אַז גאָט האָט זי באַשטימט פאַר איהם. עס איז ניט געווען אַ צופאַל, וואָס ער איז געווען דער ערשטער, זיי ביידען צו רעטען... ווען ניט ער וואָלטען זיי ביידע געווען פאַרשקלאַפט אויף אייביג צו אלהוני'ן, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען שרה'ן פאַר זיין קעבס־ווייב.

— ווער קען אָפּשאַצען די וועגען פון אונזער גאָט! — האָט דוד אלראָי זיך אָפּגערופען נאָך אַ קליינע פויזע. — איהר זייט פאַרוואָגעלט געוואָרען אין אַ פרעמד לאַנד און אונטער אַזעלכע שוידערליכע אומשטענדען — ווי־פיעל האָט געפעהלט, אַז דער טאָג זאָל פאַריבער און איהר ביידע וואָלט פאַרבליבען אלהוני'ס שקלאַפען. דער אומריינער שווינדלער! — ער האָט דאָך געהאַט די אויבערהאַנד איבער אייך...

— מיר ווייסען, גנעדיגער האַר, אַז מיר דאַרפען דיר באַדאַנקען פאַר אַלעס — האָט שרה זיך אָפּגערופען און אַ רויטקייט האָט איהר פּנים באַ־דעקט. — מיר האָבען שוין געהאַט פאַרלוירען אַלע האָפנונגען.

— ניט מיר, נור דעם אַלמעכטיגען באַשעפער פון דער וועלט, באַלאַנגען די דאַנקען — האָט אלראָי געזאָגט. — איך האָב ניט געהאַט בדעה צו מאַכען מיין געצעלט אויף דיזען פּלאַץ. — איך האָב געזאָלט מאַכען מיין געצעלט אויף דער צווייטער זייט פון מאַרק פּלאַץ, אָבער פּלוצלונג האָב איך דערפיהלט, אַז איך מוז געהן צו דיזען פּלאַץ. עפּעס ווי מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ וועל איך טרעפען אייך, מענשען פון מיין פאָלק אין אַזאַ שוידערליכע לאַגע.

— עס איז געווען פאַר אונז אַ גליקליכע רגע, ווען פּלוצלונג האָט זיך צו אונזערע אויערען דערטראָגען דער קלאַנג פון אונזער מוטער־שפּראַך — האָט אַלמאַעלי געזאָגט. — מיר האָבען מיט אַ מאָל דערפיהלט, אַז מיר זיינען דאָ מעהר ניט עלענד, און אַ שטראַהל פון האָפנונג איז צו אונז געקומען, און מיר זיינען ניט ענטטוישט געוואָרען. — יעצט זיינען מיר פריי. מיין געלט פאַרלוסט איז צוריקגעקעהרט געוואָרען. מיר קענען געהן וואוהין מיר ווילען.

— ווילט איהר זיך ביידע אָנשליסען אין מיין געזעלשאַפט? — האָט אלראָי זיך אָפּגערופען צו זיי — מיט דער צייט וועל איך האָבען די מעגליכ־קייט פאַר אייך צו ענטדעקען אַ זאַך, וואָס וועט אייך שטוינען — איך

פלאנעווע אין גיכען צו גען נאך ארץ ישראל און זעהן דארט די לאנגע פון אונזערע ברידער — ווייל דער טאג פון דער גאולה פון אונזער פאלק איז ניט ווייט.

— מיר וועלען זיך שעצען גליקליך צו זיין מיט דיר צוזאמען — האט אלמאעללי געענטפערט — און נאך גליקליכער וועלען מיר זיך פיהלען, אויב מיר וועלען קענען אנקומען אין ארץ ישראל און זעהן מיט אונזערע אויגען אונזער הייליג לאנד! ניט אזוי, שרה?

שרה האט געשוויגען. זי איז געווען אין איהר הארצען דאנקבאר צו דעם מאן, וואס האט זי און איהר ברודער גערעטעט, אבער זיינע רייד האבען אויף איהר ניט קיין איבעריג גוטען איינדרוק געמאכט. זי האט פארשטאנען, אז ער זוכט כבוד און ער וויל זיך ארויסצייגען, אז ער איז באשטימט געווא-רען פאר דעם אויסלייזער פון אידישען פאלק. זי האט זיך פיעל אנגעהערט אין איהר יוגענד וועגען משיח'ן, אין דעם הויז פון רבי מימון און א גאנץ אנדער בילד האט זיך אין איהרע געדאנקען געשאפען וועגען דעם אויסלייזער פון די אידען. אמת, דוד איז העלדיש און בראוו, ער איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צו זיין פאלק, אבער ער איז א טרוימער... ער פאנטאזירט, און דורך זיינע פאנטאסטישע טרוימען קען ער נאך ברייגען אן אומגליק אויף דעם אידישען פאלק, אנשטאט גליק. זי האט אבער באמערקט, ווי שטארק איהר ברודער איז באגייסטערט פאר איהם, און זי האט ניט געוואלט אז ער זאל זיך אזוי שנעל ענטוישען. אויסער דעם, דער געדאנק, אז זי וועט נאך האבען די מעגליכקייט צו זעהן די הייליגע שטאדט ירושלים, האט איהר אין גאנצען באהערשט און זי האט צוגעשקאלעט מיט איהר קאפ אלס צייכען אז זי שטימט צו.

— אויב אזוי זיינען מיר יעצט פאראייניגט — האט דוד אלראי אויסגערופען. —פון היינט אן וועלען מיר צוזאמען וואנדערען, ביז וואנען די צייט וועט קומען און דער געטליכער רוף וועט מיר אין דעם ריכטיגען וועג פיהרען.

* * *

אין דער צייט וואס דוד אלראי האט מיט אזא פלינקייט ארויסגע-קראגען געדעכטיגקייט פון אלמאעלי און שרה'ן, איז זיין יונג, וועלכער האט זיך פאר א ציגיינערקע פארשטעלט, געגאנגען אין דער ריכטונג וואו די רייכע פרוי האסאנא האט זיך געפונען.

א היבשע ווײלע איז ער געשטאנען פון ווייטען און באטראכט זי. ער האט נאך אין זיין לעבען ניט געזעהן אזוי פיעל רייכטום. די קארעטע וואס זי איז געזעסען איז געווען באפוצט מיט גאלד און זילבער. אפילו איהרע דינסטען זיינען געווען געקליידעט אין זייד און געטראגען קאסט-בארע צירונג.

— דו גליקליכע האסאנא! — האט די „ציגיינערקע" אויסגערופען דערנעהענטערענדיג זיך צו איהר — א ליכטיגער שטערן וועט דיין וועג באלייכטען — א יונגער מאן, שלאנק און שעהן!

די קענכט וועלכע האבען געדוהט לעבען די קעמלען האבען זיך א הויב געטהאן פון זייערע פלעצער און האבען „זי" געוואלט פאריאגען, אבער

האסאנא האָט נענעבען אַ געשריי אויף איהרע קנעכט זיי זאָלען „זי" צולאָזען צו איהר.

— ווער ביזטו? — האָט האסאנא זיך געווענדעט צו „איהר".

— איך בין אַ וואהר־זאָגערין! — האָט דער יונג מיט אַ נאָכגעמאַכטע פרויען־שטימע אויסגערופען — די געטער האָבען מיר באַגאַבט מיט אי־בערמענשליכע פעהיגקייטען פאָראויסצוזעהן די צוקונפט פון יעדען איינעם, וועלכער לאָזט מיר זיין האַנט באַטראַכטען, פון די ליניעס פון דער האַנט קען איך זעהן די צוקונפט וואָס די שטערען אין הימעל האָבען באַשטימט פאַר דעם מענשען — ווילסטו, גליקליכע האסטאנא, וועל איך אויך דיין צוקונפט וואָס די געטער האָבען פאַר דיר צוגעגרייט פאָראויסזאָגען.

— גוט, קום אהער צו מיר! — האָט האסאנא מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

— קום לייען מיינע געדאַנקען און זאָג מיר וועגען מיין צוקונפט.

די ציגיינערקע איז צוגעקומען צו דער קאַרעטע וואו האסאנא איז געזעסען, און אָנגענומען איהר האַנט. אַ ווײלע האָט „זי" באַטראַכט די ליניעס און דאַן האָט „זי" אויסגערופען מיט אויסערגעוועהנליכער באַגייסטערונג:

— „איך זעה אויף דיין וועג גליק, און דאָס גליק קומט צו דיר פון דער וויטענס... אזוי אומגעריכט! פּלוצלונג איז ער פאַר דיינע אויגען ערשי־נען, אַ יונגערמאַן, שלאַנק און שעהן מיט ברענענדע שוואַרצע אויגען און פעך שוואַרצע האָר. אַ פירסט פון פּערסיען איז ער, און פון דער וויטער מדינה איז ער געקומען צו דיר ברײנגען גליק! ער שטאַמט פון אַ משפחה פון קעמפער און העלדען... ער וועט דיין מזל באַשיינען, ווייל גליק וועט צו דיר קומען אין פולען האַנט, בלויז דורך יענעם יונגען מאַן... איך ווייס אַז דיינע געדאַנקען זיינען יעצט פול מיט איהם... און איך זעה אַז פון הימעל וועט מען דיר העלפען. — און יעצט ווינש איך דיר גליק און מזל!

— זאָל זיין פרידען צו דיר.

די „ציגיינערקע" האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט און אָנגעהויבען צו געהן.

— וואַרט אַ ווײלע! — האָט האסאנא זיך אָפּגערופען — דו האָסט פּינקטליך מיינע געדאַנקען געלעזען און איך וויל דיר פאַר דעם באַלוינען. און ווענדענדיג זיך צו איהרע דינסטען האָט זי מיט צופרידענהייט געזאָגט:

— איהר האָט דאָך באַמערקט היינט אין דער פריה, ווי אַ יונגער מאַן רייטענדיג אויף זיין פערד איז מיר פאַרביי געריטען און האָט מיך אזוי פריינדליך באַגריסט... און יעצט קומט דיזע ציגיינערקע און טרעפט מיינע געדאַנקען. איך האָב ווירקליך ניט אויפגעהערט טראַכטען וועגען איהם!

— ברײנגט מיר די קעסטעלע פון מיינע ציערונג — האָט האסאנא זיך אָפּגערופען צו איהר קאַמער מיידעל.

ייען זי האָט געבראַכט די בעסטעלע, האָט האסאנא ארויסגענומען אַ שנירעל פּערל און צוויי גאָלדענע רינגען און דערלאַנגט דער „ציגיינערקע".

— יעצט דערצעהל מיר מעהר איינצעלהייטען פון דעם יונגען מאַן, וועמען דו זעהסט אין מיין צוקונפט — האָט זי זיך אָפּגערופען — איך האָב ווירקליך אזא מאַן געזעהן און ער האָט מיט זיין ערשטען בליק מיין

נשמה געפאנגען! — קענסטו מיר זאָגען ווער ער איז און וואָס פאר א שייכות וועט ער האָבען צו מיר אין דער צוקונפט.

— גיב מיר יעצט דיין לינקע האַנט און איך וועל באַטראַכטען די ליניען און דאַן וועל איך האָבען די מעגליכקייט דיר צו ענטפערען אויף דיין פראגע — האָט די „ציגיינערקע" באהאַלטען די ציערונג אין בוזים.

האסאנא האָט אויסגעשטרעקט איהר לינקע האַנט און דער יונג האָט גענומען זי באַטראַכטען און נאָכהער אויסגערופען:

— די שטערען אין הימעל האָבען דעם יונגען מאַן באַשטימט פאר דיין וועג ווייזער, פאר דיין ראַטה געבער, פאר דיין אויפזעהר איבער דיין פארמעגען וואָס איז זעהר גרויס. ווייל נאָך אַלעמען ביזטו דאָך א הילפלאָזע פרוי און די פאַראַנטוואָרטליכקייטען, וואָס דו טראָגסט אויף דיינע שול־טערען זיינען שווערע.

— איך גיב צו, אַז איך בין שטענדיג אין שרעק פאר מיין רייכטום — האָט האסאנא אויסגערופען — איך האָב שטענדיג מתפלל געווען צו די געטער, זיי זאָלען מיר צושיקען א מאַן אויף וועמען איך וועל זיך קענען פארלאָזען, א מאַן צו וועמען איך וועל האָבען צוטרוי און זיין זיכער, אַז ער וועט מיר זיין געטריי, אַז ער איז ניט אויסען מיין פארמעגען. און יעצט זעה איך, אַז די געטער האָבען אויף מיר זיך דערבאַרעמט און זיי שיקען מיר צו אזא מאַן! אָבער יעצט, זאָג מיר, וואָס זאָל איך טהאָן, ווי אזוי וועל איך קענען זיכער זיין, אַז דער יונגער מאַן וועט זיך צוריק־קעהרען צו מיר?

— דו, מיין האַרינטע, זאָלסט בלייבען אויף דיזען פּלאַץ אויף עטליכע טעג, און איך בין זיכער, אַז ער וועט צו דיר קומען. ער וועט מוזען קומען, ווייל די שטערען האָבען איהם פאר דיר באַשטימט.

דער יונג וועלכער האָט זיך פארשטעלט פאר דער ציגיינערין, האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך א נייג געטהאָן.

— אויב דיינע רייד וועלען פארווירקליכט ווערען, וועסטו צו מיר נאָך אַמאָל קענען צוקומען, און איך וועל דיין באַלוינונג פארדאָפּלען! — האָט האסאנא געזאָגט, ווען די ציגיינערין האָט גענומען אַוועקגעהן.

מיין לעבען וועט זיך איינגאַנצען ענדערען — האָט זי זיך אָפּגערופען צו איהרע דינסטען. איך פיהל אין אַלע מיינע גלידער, אַז די וואהרזאָ־גערין האָט מיר אמת געזאָגט. איך האָב דאָך איהם אַליין געזעהן — ער האָט אויסגעקוקט ווירקליך ווי א פּרינץ פון פּערסיען.

* * *

דער יונג, א פרעהליכער, א לוסטיגער, צוליעב זיין גרויסען ערפאָלג איז צוריקגעגאַנגען צו דעם געצעלט פון דוד אלראָי'ן. ער האָט גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט, אַז זעהר וויכטיגעס האָט דורך דער קורצער צייט, וואָס ער איז ניט געווען, פּאַסירט. ער איז צוגעקומען צום געצעלט און האַל־טענדיג די ציערונג אין זיינע הענט איז ער אריין איגוועניג זאָגענדיג:

— אָה, מיין האַר, פּונקט ווי דו האָסט געזאָגט, אַזוי איז געשעהן.

— איהר רייכטום וועט גאָר אין גיכען געהערען צו דיר. זי גלויבט יעדעס

וואָרט וואָס איך האָב איהר געזאָגט. זי וועט האָבען צו דיר צוטרויען — מיר וועלען אַלע רייך ווערען און דאָס האָט זי מיר געגעבען.

אַלראַי איז געבליבען זיצען אַ צוטומעלטער און פאַרשעהמטער. ער האָט פון גרויס אויפרעגונג אין גאַנצען פאַרגעסען אָן דעם יונג, וועלכער האָט פאַר איהם דורכגעפיהרט די שליחות. ער האָט באַדאַרפט שיקען אַ צווייטען יונג איהם אַנטקעגען צו געהן און איהם זאָגען אַז אין געצעלט געפינען זיך געסט און זיי דאַרפען דערווייל ניט וויסען פון דעם פּלאַן. יעצט אָבער איז פאַרפאַלען. ער וועט דאַרפען מאַכען אַן ערקלערונג.

דוד אַלראַי האָט געווענדעט זיינע בליקען אין דער ריכטונג וואו אַלמע-אַלי און שרה זיינען געזעסען און ווען דער יונג האָט זיי באַמערקט, איז ער געבליבען שטעהן אין אַ פאַרלעגענהייט און נישט געענדיגט ריידען.

— המ... ער... ענטשולדיגט! — האָט דער יונג אַרויסגעשטאַמעלט, פאַרשטעהענדיג פון דוד׳ס בליקען ווי אומצופרידען ער איז — איך המ... האָב ניט באַמערקט, אַז מיר האָבען געסט.

שרה און איהר ברודער זיינען געבליבען זיצען ווי געפּלעפטע. זיי האָבען ניט געקענט באַגרייפען וואָס דאָ קומט פאָר, און וואָס טוט די ציגיינערקע אין זיין געצעלט.

דוד האָט פאַרשטאַנען זייערע געדאַנקען און ער האָט איינגעזעהן אַז ער וועט זיי דאַרפען זאָגען דעם גאַנצען אמת, בפרט נאָכדעם ווי זיי וועלען פון יעצט אָן און ווייטער זיך פאַרבינדען מיט איהם און די אַנדערע יונגען.

— נעהם אַרונטער דיינע קליידער — האָט דוד זיך אָפּגערופען, שמייכלענדיג צו דעם יונג. זעהסטו דען ניט אַז מיר האָבען וויכטיגע געסט, וועלכע וועלען מיט אונז אויף שטענדיג פאַרבלייבען... נעהם אַרונטער דיינע ציגיינערשע קליידער און זאָלען זיי זעהן אַז דו ביזט איינער פון מיינע יונגען.

דער יונג האָט אַזוי געטאָן. ער האָט שנעל אַרונטערגענומען פון זיך די ציגיינערישע פרויען קליידער און איז געבליבען שטעהן אין זיינע מענערשע קליידער.

— איך וועל אייך אַלעס ערקלעהרען! — האָט דוד אַלראַי זיך געווענדעט צו אַלמאַעלי׳ן און שרה׳ן. — די צייט איז געקומען ווען מיר, מיט פאַראייניגטע כחות וועלען קענען אַוועקנעהמען ארץ ישראל פון אונזערע שונאים. אונזערע ברידער, וועלכע האַלטען זיך אויף די בערג, זיינען שטאַרק און בראַוו. עס וועט ניט שווער אָנקומען פאַר מיר צוזאַמענצוקלייבען אַ גרויסע אַרמיי פון אידישע העלדען, וועלכע וועלען מיט׳ן שווערד און בויגען באַזיגען אונזערע שונאים און אַוועקנעהמען פון זיי דאָס לאַנד פון אונזערע אבות. אָט די דאָזיגע זעקס העלדישע יונגען קומען פון דעם אידישען שבט פון די בערג. זיי האָבען זיך באַהעפט אין מיר און זיינען וויליג צו טאָן אַלעס וואָס איז אין זייערע כחות כדי צו דערגרייכען אונזער ציל און באַפרייען די אידען פון גלות. מיר האָבען אויף זיך אַ גרויסע און שווערע אויפגאַבע... צו אַזאַ אונטערנעהמונג מוזען מיר האָבען געלט, זעהר פיעל געלט. און מיר האָבען זיך איצט אונטערגענומען דאָס צו קריגען. מיט געלט וועלען מיר זיך איינשאַפען וואָפען און מיר וועלען קענען פיהרען אונזערע מלחמות צום זיג. איך בין גרייט צו פיהרען די אַרמייען, ווייל

גאָט, דער גאָט פון מיינע עלטערן, דוד און שלמה, האָט אין מיר אריינ־געגעבן א גייסט פון גבורה, גאָט האָט מיך באַשטימט צו זיין דער אויס־לייזער פון די אידען פון גלות, און עס איז מיין פליכט צונויפצוזאמלען געננג געלט פון וואַנען און פון וועמען עס איז נאָר מעגליך, ווייל האָבען ניט אונזערע שונאים אָנגערויבט גענוג געלט פון אונז? זיי האָבען די אוצרות פון בית המקדש בארויבט, זיי האָבען אונזער לאַנד חרוב געמאַכט, און דעריבער האָבען מיר א רעכט אָוועקצונעהמען פון זיי דאָס געלט דורך וועלכע מיטלען עס וועט נאָר זיין מעגליך. דאָס איז געוואָרען אונזער צוועק ווען מיר זיינען צוזאַמענגעקומען, און צוליעב דעם דאָזיגען צוועק געפינען מיר זיך איצט אין באַגדאַד. און געלויבט איז דער באַשאַפער פון דער וועלט, וואָס ער האָט מיר אריינגעגעבן א געדאַנק צו קומען אהער, ווייל דורך דעם איז פאַר מיר מעגליך געווען צו ראַטעווען אייך ביידען פון די הענט פון א רשע און א שווינדלער. דאָס אליין איז א באַווייז, אַז דער אלמעכ־טיגער פיהרט מיך אויף דעם ריכטיגען וועג. איצט איז מיין ציל צו געהן נאָך ירושלים און צו זעהן דאָרט די לאַגע, כדי איך זאָל נאָכהער קענען פיהרען אונזער בראַווע אַרמיי געגען די קרייצציגע, די קריסטען, אין וועמענס הענט אונזער הייליג לאַנד געפינט זיך. די צייט איז נאָך ניט געקומען ווען מיר וועלען קענען אַרויסקומען אין אַן אָפענער מלחמה געגען די פעלקער וועלכע אונטערדריקען אונז. דעריבער זאַמעל איך איצט א סך געלט. אויפ׳ן וועג האָב איך באַגעגענט זעהר א רייכע פרוי פון פערסיען. און ווי איך האָב אויסגעפונען איז איהר רייכטום גרעסער פון אַלע רייכטימער פון באַגדאַד צוזאַמענגענומען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זי איז איינע אליין, זי האָט ניט קיין קרוב און גואל, בלויז די דינסטען און קנעכט וועלכע רינגלען זי אַרום, און ווען זי וועט שטאַרבען וועט איהר גאַנצער פאַרמעגען צעטיילט ווערען צווישען איהרע דינער. און איך האָב באַשלאָסען אַז עס וואָלט געווען זעהר גוט ווען א טייל פון איהר געלט וואָלט געגאַנגען פאַר אונזער הייליגען צוועק. איך האָב אויסגעאַרבייט א פּלאַן... איך האָב זיך פריהער מיט איהר אליין געזעהן, און דאַן האָב איך געשיקט מיין יונג פאַרשטעלט אַלס א ציגיינערין וואַהרזאָגערין, און ווי עס שיינט, איז ער געווען ער־פאָלגרייך אין זיין אונטערנעהמונג, און איצט, מיין „ציגיינערין“, דערצעהל פאַר אונז אַלעס וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט.

— מיין האַר, דו ביזט א נביא פון גאָט! — האָט דער יונג אויסגע־רופען, — דו האָסט אַלעס אַזוי פּינקטליך פאָראויסגעזעהן. ווי דו האָסט מיר געזאָגט אַזוי איז געשעהן. זי האָט ווירקליך פון דיר די גאַנצע צייט געטראַכט, און ווען איך האָב איהרע געדאַנקען געטראָפען, האָט זי צו מיינע רייד געקראָגען צוטרויען. זי האָט מיר געגעבען דיזע ציערונג — האָט ער דערלאַנגט צו דוד׳ן.

דוד האָט באַטראַכט דעם שנירעל פּערעל און די צוויי גאָלדענע רינגען און צושאָקלענדיג מיט זיין קאָפּ האָט ער געזאָגט: דאָס אליין וועט דעקען די הוצאות פאַר אונז אַלעמען צו געהן נאָך ארץ ישראל, אָבער איך וועל זיך מיט דעם ניט באַנוגענען. איך מוז אַמווייניגסטען אריינקריגען א העלפט פון איהר גאַנצען רייכטום.

שרה איז געבליבען זיצען אן ערשיטערטע. זי האָט פּלוצלונג פאַרלאָרען איהר גאַנצען רעספּעקט צו איהם. אין איהרע אויגען האָט ער איצט אויס-געקוקט צו זיין אַ שווינדלער, אַזוי ווי אלחוני. אמת, ער וויל זיין שווינדעל באַדעקען אין אַ הייליגען מאַנטעל, אָבער דאָך איז עס לויט איהר באַגריף און איידעלען כאַראַקטער געווען זעהר ניט אנשטענדיג און עהרליך. זי האָט שוין אין איהר האַרצען חרטה געקראָגען אויף דעם וואָס זי האָט מיט אַ ווײַלע צוריק צוגעשטימט מיטצוריייזען מיט איהם נאָך ירושלים.

דוד אלראָי האָט געזוכט צו לייענען פון די אויסדרוקען פון איהר פּנים דעם איינדרוק וואָס זיינע רייד האָבען אויף איהר געמאַכט, און ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז די שעהנע שרה איז ניט איבריגס באַגייסטערט פון זיינע מעטאָדען ווי אַזוי צו קריגען געלט כדי אויסצולייזען די אידען פון גלות.

— איהר דאַרפט אויך ניט פאַרגעסען, מיינע געטרייע פריינד! — האָט דוד ווייטער געזאָגט, — אַז דער הייליגער נביא האָט שוין אַמאָל געזאָגט, אַז די גאָלד און זילבער באַלאַנגט צו גאָט, און מיר, אַלס די קינדער פון אונזער פאָטער אין הימעל, זיינען צו דעם בארעכטיגט. אויב מיר וועט געלינגען ארויסצוקריגען אַ סך גאָלד פון דער רייכער פּערסישער פרוי, וועט עס ניט זיין קיין שווינדעל און גנבה, איך וועל בלויז נעהמען דאָס וואָס באַלאַנגט צו אונז.

— געוויס, — האָט אלמאעלי צוגעגעבען, — גאָט האָט בלויז אָנפאַר-טרויט אונזער גאָלד צו די פעלקער, ווייל מיר האָבען געזינדיגט און ניט געוואוסט ווי אַזוי אכטונג צו געבען אויף אונזערע אוצרות, און אַזוי שנעל ווי מיר טוען תשובה און ווילען זיך אומקעהרען צו אונזער הייליג לאַנד, זיינען מיר בארעכטיגט צוריקצוקריגען אונזער געלט.

— דו רעדסט ווי אַ מאַן פון פאַרשטאַנד! — האָט דוד זיך אָפּגערופען צו איהם. — איך בין צופרידען וואָס דו פאַרשטעהסט די וויכטיגקייט פון דער זאַך! מיר מוזען קריגען זעהר פיל געלט! איך וועל דיר באַשטימען פאַר איינעם פון מיינע ארויסהעלפער.

— איך דאַנק דיר, מיין האר — האָט אלמאעלי מיט צופרידענהייט געזאָגט.

— וואָס האָסטו אָפּגעמאַכט מיט האסאנא? — האָט דוד זיך געווענ-דעט צו דעם יונג.

— איך האָב איהר געהייסען פאַרבלייבען אויף דעם זעלבען פּלאַץ פאַר עטליכע טעג און איך האָב איהר פאַרזיכערט, אַז דו וועסט מוזען קומען צו איהר דורך דער צייט. זי גלויבט, אַז די שטערען האָבען דיך פאַר איהר באַשטימט... דו זאָלסט ווערען דער „אויפזעהר" איבער איהר פאַרמעגען און איהר ראַטגעבער.

א שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף דוד'ס ליפּען.

— אַזאַ פרוי, וואָס איז אַזוי נאַריש, איז ניט באַרעכטיגט צו באַזיצען אַזאַ גרויסען פאַרמעגען, און איך וועל שוין זעהן ארויסקריגען פיל נוצען פון איהר רייכטום... פריהער פון אַלעס וועל איך זעהן צו פאַרקויפען די פּערל און פון די געלט וועל איך קענען אויפשטעלען אַ געצעלט פאַר שרה'ן.

איך וועל אויך קריגען פאַר איהר אַ דינסט, וועלכע זאָל זי באַדינען, ווייל ניט פאַר שרה'ן איז צו טהאָן שווערע ארבייט. עס וועט קומען אַ צייט ווען זי וועט ווערען די קעניגין פון ירושלים, איך זעה עס דורך דער נבואה וואָס גאָט האָט אין מיר אריינגעטאָן.

שרה'ס פּנים איז באַדעקט געוואָרען מיט רויטקייט. זי האָט פאַר־שטאַנען צו וואָס דוד צילט מיט זיינע רייד, ווייל האָט ער דען אליין ניט געגעבען אָנצוהערען, אז ער וועט ווערען קעניג איבער די אידען אין ירושלים.

דוד איז געוואָרען נאָך דרייסטער און ער האָט זיך אָפּגערופען:

— דריי טעג איידער איך בין אהער אָנגעקומען האָט זיך צו מיר דער מלאך גבריאל אין חלום באַוויזען. ער האָט מיר געזאָגט: געה און דו וועסט קריגען באַגייסטערונג צו דיין היילינער אויפגאַבע... ווען איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף, האָב איך זיך געוואונדערט און ניט געקענט פאַר־שטעהן וואָס גבריאל האָט געמיינט. אָבער ווען איך בין אהער אָנגעקומען און געהאַט די מעגליכקייט אייך ביידען צו רעטען, און ווען איך באַטראַכט איצט שרה'ן פאַרשטעה איך אַ סך בעסער וואָס דער מלאך האָט געמיינט מיט זיינע רייד!

— ווער בין איך, מיין האַר, אז דו זאָלסט אזוי טראַכטען פון מיר — האָט שרה זיך אָפּגערופען. — איך בין ניט גענוג ווירדיג, אז דער מלאך זאָל מיר האָבען געמיינט... איך וויים אָפּילו ניט אויב איך דאַרף געהן נאָך ארץ ישראל מיט דיר!

— אָה, דו מוזט מיטגעהען מיט אונז, דו האָסט אונז פאַרשפּראָכען! — האָט דוד זיך צו איהר אָפּגערופען. — איך פאַרשפּרעך דיר שוץ. קיינער וועט דיר ניט באַלעסטיגען און קיין געפאַהר שטעקט איצט אויך ניט אין אונזער אונטערנעהמונג, ווייל ניט צו קעמפּען וועלען מיר איצט געהן, נאָר בלויז צו באַטראַכטען און אויסצופאָרשען כדי צו מאַכען דעם וועג ריין פאַר אונזער שפּעטערע ערָאבערונג. איך וועל זעהן, אז קיין שלעכטס וועט צו דיר ניט קומען. אַ באַזונדער געצעלט וועל איך פאַר דיר מאַכען און אַ דינסט וועט מיט דיר שטענדיג זיין. זי וועט דיך אָפּהיטען און קיין שלעכטס וועט דיר ניט געשעהן. אָט וועל איך ארויסגעהן אין מאַרק-פּלאַץ וואו די דינ־סטען ווערען פאַרקויפט.

— איך בעט דיך, מיין האַר, נעהם פון מיר די הונדערט גאָלדענע רענדלעך, וואָס זיינען דורך דיר צו מיר אומגעקעהרט געוואָרען. איך וויל ניט, אז מיר זאָלען פאַלען צו לאַסט אויף דיר. די הונדערט רענדלעך וועט באַצאָהלען פאַר אַלע אונזערע רייזע-הוצאות ביז וואַנען מיר וועלען דער־גרייכען ארץ ישראל. און פאַר דעם געלט וועסטו קויפען אַ דינסט פאַר מיין שוועסטער, וועלכע זאָל שטענדיג זיין מיט איהר און באַגלייטען זי וואוהין זי וועט געהן.

— זאָל דיין געלט בלייבען ביי דיר! — האָט דוד זיך אָפּגערופען.
— איך וועל פון דיר קיין איינציגען רענדעל ניט נעהמען.

— אויב אזוי קענען מיר ניט צושטימען צו געהן מיט דיר, מיין האַר! האָט שרה זיך אָפּגערופען. — געלויבט איז גאָט וואָס מיר זיינען פריי. דו האָסט אונז פון אלהוני'ס הענט באַפרייט. מיר האָבען צוריק אונזער געלט

געקראָגען, און מיר וועלען בשום אופן ניט איינשטימען צו פאַלען דיר צו לאַסט אזוי לאַנג ווי מיר האָבען געלט.

— פון איצט אָן דאַרפסטו זיך מיט קיין זאַך ניט רעכענען, ווירדיגע שרה! אַלעס וואָס באַלאַנגט צו מיר באַלאַנגט אויך צו דיר. זאָל דיין געלט בלייבען מיט דיר און ווען מיר וועלען זיך נויטיגען אין געלט, וועל איך דיר לאָזען וויסען! איצט וועל איך פאַרקויפען די פערל און פאַר דיר קריגען שעהנע קליידער און אַ דינסט, און שפּעטער וועלען מיר באַשליסען וואָס ווייטער צו טהאָן.

— איך קען דערצו ניט איינשטימען, אויב דו ווילסט ניט נעהמען דאָס געלט פון אונז, וועט מיין ברודער אַליין געהן און קויפען די נויטיגע זאַכען פאַר מיר!

—גוט, איך וועל מיט דיין ברודער מיטגעהן און ער וועט מיר העלפען אויסקלייבען פאַר דיר אַ דינסט און אויך איינקויפען פאַר דיר קליידער, ווייל די רייזע, וואָס מיר וועלען מאַכען איז זעהר אַ לאַנגע, און איך וועל איהם אויך לאָזען באַצאָהלען פאַר אַלעס, אָבער דאָס געלט וואָס וועט איבערבלייבען וועט געהערען צו אייך.

דוד האָט זיך אויפגעהויבען און זיך אָפּגערופען צו זיינע יונגען:

— איך וויל, אַז איהר זאָלט אַרויס פון געצעלט און איבערלאָזען שרה'ן אַליין. זי איז זעהר מיד און זאָל זי זיך אויסרוהען. איהר זאָלט שטעהן לעבען געצעלט און זעהן, אַז זי זאָל פון קיינעם ניט געשטערט ווערען, ביז וואַנען איך און איהר ברודער וועלען זיך אומקעהרען.

דוד און אַלמאַעלי זיינען אַרויס פון געצעלט. די יונגען האָבען געטהאָן וואָס דוד האָט זיי פאַרזאָגט און זיי האָבען איבערגעלאָזען שרה'ן אַליין. זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט לעבען געצעלט און צווישען זיך געשמועסט גאַנץ נידעריג ניט צו שטערען שרה'ן. זיי האָבען זיך דערצעהלט איינער אָעם אַנדערען די וואונדער וואָס זייער פיהרער, דוד אַלראָי, האָט באַוויזען און יעדער איינער האָט נאָך מעהר מגזם געווען.

אויף דעם מאַרק־פּלאַץ האָבען זיך געפונען פּיעלע געשעפטען וואו מען פּלעגט פאַרקויפען זיידענע קליידער. אַהין זיינען בײדע, דוד און אַלמאַעלי צוגעקומען.

דוד האָט אויסגעקליבען צוויי שעהנע זיידענע קליידער און האָט זיך לאַנג געדונגען וועגען פּרייז. און ווען זיי זיינען מושווה געוואָרען, האָט דוד געלאָזען אַלמאַעלי'ן באַצאָהלען.

— און יעצט לאָמיר געהן צו דעם פּלאַץ וואו די שקלאַפען ווערען פאַרקויפט — האָט זיך דוד אָפּגערופען צו אַלמאַעלי'ן — איך האָב שוין ניט איינמאָל געזעהן ווי יונגע מיידלאַך ווערען פאַרקויפט פאַר דינסטען. צווישען זיי קען מען אָפט טרעפען אַזעלכע מיידלאַך, וועלכע זיינען געפאַנגען געוואָרען אין דער צייט פון אַ מלחמה, און די מיידלאַך שטאַמען פון יחוס'דיגע משפּחות. און פאַר דיין שוועסטער שרה'ן דאַרפען מיר אויסקלייבען אַ דיענסט, וועלכע זאָל זיין ניט נאָר אַ דיענסט צו איהר, נאָר אויך אַ פריינדין, וועלכע וועט איהר דאַרפען באַגלייטען און פאַרברענגען אין איהר געזעלשאַפט.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו די שקלאַפן ווערן פאַר־קויפט. זיי האָבן געזעהן פיעלע מענשען שטעהען אַרום אַ פּלאַטפאָרמע וואו עס געפינט זיך אַ דיקער געזונטער מאַן. נעבען איהם שטעהט אַ יונגע מיידעל, וואָס פון איהר פּנים קען מען דערקענען אַז זי קומט פון גריכען־לאַנד. דער מאַן מיט אַ גראָבע שטימע שרייט אויס דעם פּרייז און וואַרט אַז דער עולם זאָל נעהמען בבאָטען.

דוד האָט זי גוט באַטראַכט און דאַן האָט ער אַריינגעשושקעט צו אַלמאַעלי'ן אין אויער:

— ניין, ניט אַזאַ מיידעל איז גוט פאַר שרה'ן. קאַנטיג אַז זי שטאַמט פון אַ פּויערים משפחה. לאָמיר צוּוואַרטען אַ ווייל, ביז וואַנען די אַנדערע שקלאַפינס וועלען געבראַכט ווערען.

— עס איז מיר שווער צוצוקוקען ווי אַזוי מען פאַרקויפט מענשליכע סחורות! — האָט אַלמאַעלי זיך אָפּגערופען — וואָרום וויפיעל האָט געפעלט און אויך מיין אייגענע שוועסטער וואָלט געהאַט דעם זעלבען גורל, ווען ניט דו.

—לאָמיר יעצט וועגען דעם ניט רעדען — האָט דוד זיך אָפּגערופען — דו האָסט באַמערקט אַז קיין סך געלד באַט מען פאַר איהר ניט אָן. דער עולם וויים פאַר וועמען צו צאָהלען אַ גרויסע סומע געלט.

ווען די שקלאַפין איז פאַרקויפט געוואָרען, האָט מען באַלד אַרויף־געבראַכט אַ צווייטע מיידעל אויף דער פּלאַטפאָרמע. דאָס מיידעל איז געווען גאָר יונג און צאַרט. זי איז געווען זעהר שעהן און געהאַט אַ שלאַנקען קערפּער, און דעריבער האָט דער פאַרקויפער זי געצוואונגען צו ענטבלויזען דעם אויבערשטען טייל פון איהר קערפּער. אין דער מיידעל'ס אויגען זיינען געשטאַנען פּאַרגליווערטע טרעהרען. איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט פון שרעק, מיט איהרע הענט האָט זי געזוכט צו פאַרדעקען די ענטבלויזטקייט פון איהר קערפּער.

— פון איהר איידעלען און צאַרטען פּנים דערקען איך אַז זי איז אַ אידישע טאָכטער! — האָט דוד אין דער שטיל געזאָגט צו אַלמאַעלי'ן. קום, לאָמיר צוגעהן נעהנטער. און אויב זי איז ווירקליך איינע פון אונזערע וועלען מיר ניט דערלאָזען אַז זי זאָל אַריינפאַלען אין ניט־אידישע הענט.

דוד האָט זיך דורכגעשפּאַרט דעם געדיכטען המון. אַלמאַעלי איז איהם נאָכגעגאַנגען, ביז וואַנען זיי זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט צו דער פּלאַטפאָרמע וואו די שקלאַפין איז געשטאַנען.

דער זעלבער מגושם'דיגער מאַן האָט דער מיידעל אָנגענומען פאַר איהר האַנט און האָט גענומען אויסרעכענען איהרע מעלות, איהר שעהנקייט, איהר יוגענט, אַז זי שטאַמט פון אַן איידעלע משפחה.

— זי איז ניט ווי יענע מיידעל, וואָס איך האָב נאָר וואָס פאַרקויפט! — האָט ער אויסגערופען — זי קומט פון אַ רייכע משפחה. זי האָט מיט איהר פאָטער אויפ'ן ים געררייזט און ניט ווייט פון עכו האָבען פּיראַטען די שיף באַפאַלען און זיי אין געפאַנגענשאַפט גענומען. מיר האָבען פאַר דיזער זעלטענער שעהנהייט אַ סך געלט באַצאָהלט די פּיראַטען... ווער עס וויל זי אָפּקויפען זאָל מאַכען אַן אָנבאָט גלייך.

עס האָבען זיך דערהערט שטימען. איינער האָט אָנגעבאָטען פופציג שקלים, א צווייטער זעכציג, א דריטער עטוואָס מעהר!

— ווען איך וואָלט נאָר געווען זיכער אז זי איז א אידישע טאָכטער!

— האָט דוד אלראָי זיך אָפּגערופען צו אלמאעלי'ן אין העברעאיש, אזוי אז דאָס מיידעל זאָל איהם קענען הערען.

באַלד האָט זיך דערהערט א דינע אָבער דייטליכע שטימע: „בת ישראל אָנכי!" (איך בין א אידישע טאָכטער!).

— דו הערסט? ! זי איז א אידישע טאָכטער! — האָט דוד זיך אָפּגערופען צו אלמאעלי'ן.

— הונדערט שקלים! — האָט אלמאעלי אויסגערופען.

א דיקער אראבער האָט געוואָרפען זיין אויג אויף דער מיידעל און ער האָט אויפגעהויבען זיין האַנט, וואו ער האָט געהאַלטען א פעקעל מיט געלט און אויסגעשריען:

— זי בלייבט פאַר מיר! הונדערט און פופציג שקלים גיב איך! ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און געוואָלט דערלאַנגען דעם פעקעל מיט די געלט צו דעם אויסרופער, אָבער דוד האָט אָנגעשטופּט זיין האַנט.

— צוויי הונדערט שקלים גיב איך, זאָל זי בלייבען פאַר מיר! — האָט דוד אויסגערופען.

דער רייכער אראבער האָט זיך נאָך מעהר צוהיצט, ער האָט געשטורעמט און געשריען. ער איז געווען אין כעס אויף דער חוצפּה פון יונגען מאַן, וועלכער האָט איהם אויסגעדונגען.

— איך גיב דריי הונדערט שקלים! — האָט דער אראבער ארויסגענומען פון זיין בוזים נאָך א פעקעל מיט געלט.

— און איך גיב פאַר איהר פופציג גאָלדענע רענדלאך! — האָט אלמאעלי אויסגערופען.

— די פופציג גאָלדענע רענדלאַך זיינען פון שפּאַניען און זיי זיינען ווערטה באַלד א טויזענט שקלים! — האָט דוד אלראָי זיך געווענדעט צום מאַן, וועלכער האָט געהאַלטען די האַנט פופן דער מיידעל און אָנגעצייגט אויף איהר שעהנקייט.

— לאָמיר זעהן דיינע רענדלאַך! — האָט ער זיך געווענדעט צו אלמאעלי'ן — איך וויל זעהן אויב זיי זיינען עכטע און פון ריינעם גאָלד.

אלמאעלי האָט ארויסגענומען פון זיין קעשענע אייניגע רענדלאַך און געצייגט דעם פאַרקויפער, וועלכער האָט גענומען און זיי באַטראַכט.

— דו האָסט פופציג אזעלכע רענדלעך? — האָט ער אויסגערופען און זיינע אויגען האָבען גענומען גלאַנצען פון פרייד. — גוט, גיב מיר די פופציג גאָלדענע רענדלאַך און זי איז דיינע!

אלמאעלי האָט גענומען אָפּצעהלען די רענדלאַך, און ווען דער אראבער האָט געזעהן אז ער פאַרלירט זיינע שאַנסען צו קריגען די שעהנע מיידעל, האָט ער גענומען שטורמען און שילטען:

— איך גיב דיר נאָך צוויי הונדערט שקלים! — האָט ער געשריען צו דעם פאַרקויפער.

— אלע דיינע שקלים זיינען קיין פינף רענדלאַך ניט ווערטה! —

האָט דער פּאַרקויפער גענומען צעהלען די געלט. באַטראַכטענדיג יעדען רענדעל באַזונדער — אויב דו וועסט האָבען אַ ביסעל גערולד האָב איך פאַר דיר נאָך אַ שעהנע מיידעל. זי איז צוויי מאָל אַזוי דיק ווי די און דו וועסט קריגען די ווערדע פון דיין געלט וואָס דו וועסט באַצאָהלען פאַר איהר.

דער אַראַבער האָט פון כעס אַ שפּייז געטהאָן און אַרויסגעמורמעלט עטליכע קללות. די מענשען וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. זיי האָט הנאה געטהאָן וואָס אַזא צערטליכע, יונגע און שעהנע מיידעל איז ניט אַריינגעפאַלען אין די הענט פון דעם פּאַרגרעבטען אַראַבער.

— נעהם זי! — האָט דער פּאַרקויפער אויסגערופען, אַריינלייגענדיג די רענדלאַך אין אַ גרויסען בייטעל, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיין לינקער זייט! — זי איז דיינע!

דאָס מיידעל איז געווען באַרוועס, איהר קליידעל איז געווען צוריסען... עס איז קאָנטיג געווען, אַז ניט איינינגע מאָל איז איהר אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט ווילדע צוויי־פיסיגע חיות... ווען זי איז אַרונטערגעגאַנגען האָט זי איהר קאָפּ אַרונטערגעבויגען און מיט איהרע הענט פאַרשטעלט די ענטבלויזטע טיילען פון איהר קערפּער.

אלמאעלי האָט פון זיך אַרונטערגענומען זיין אויבער-בגד און אַרי- בערגעוואָרפען עס אויף איהרע שולטערן.

— שרעק זיך ניט! קיין שלעכטעס וועט דיר ניט געשעהן! דו ביזט צווישען אייגענע! — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען, און צוזאַמען מיט דוד'ן זיינען זיי אַרויס פון צווישען דעם געדיכטען המון.

— דו ווייסט וואָס? — האָט אלמאעלי געזאָגט אין דער שטיל צו דוד'ן — איך וועל איהר געבען איינע פון די קליידער וואָס מיר האָבען גע- קויפט פאַר שרה'ן, און איך וועל איהר אויך קויפען סאַנדאַלען.

— לאָמיר צוגעהן צו דעם פּלאַץ וואו מיר האָבען די קליידער געקויפט. דאָרטען געפינען זיך איינינגע פרויען און זיי וועלען איהר אַריינפיהרען אין אַ באַזונדערען צימער און העלפען איהר אָנטהאָן זיך, — האָט דוד פאָרגעשלגען.

— ווי איז דיין נאָמען? — האָט אלמאעלי זי געפרעגט.

— רות איז מיין נאָמען! — האָט זי געענטפערט און אין איהר שטימע איז געלעגען שרעק.

— איך וויל דיר נאָך אַמאָל פאַרזיכערען, אַז דו דאַרפסט ניט זיין באַזאָרגט! — האָט אלמאעלי צו איהר געזאָגט — דו וועסט זיין אַ פריינדין צו מיין שוועסטער, און דו וועסט זיך ניט פיהלען אַזוי איינזאַם און עלענד.

רות האָט זיך מעהר ניט געקענט באַהערשען און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

אַ היבשע ווייל אָט געדויערט ביז וואַנען רות האָט זיך באַרוהיגט. ניט דוד און ניט אלמאעלי האָבען איהר געוואָלט יעצט באַלעסטיגען מיט פראַגען. זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זעהר פיעל דורכגעמאַכט, כאָטש זי איז אַזוי יונג געווען, קוים זעכצעהן יאָהר אַלט.

זיי זיינען צוגעקומען צום געשעפט וואו זיי האָבען די קליידער געקויפט

און אלמאעלי האָט באַשלאָסען אַז ער וועט פאַר איהר קויפען אַן אַנדער קלייד, און די קליידער וואָס ער האָט געקויפט פאַר זיין שוועסטער זאָלען פאַרבלייבען פאַר שרה׳ן.

ער האָט געהייסען רות׳ן אַליין אויסקלייבען פאַר זיך אַ קלייד, אָבער זי איז געווען אַזוי פאַרטרויערט, אַז איהר זיינען אין זינען ניט געלעגען קיין נייע קליידער...

אַלמאעלי האָט דאַן פאַר איהר אויסגעקליבען אַ נייע זיידענע קלייד און געבעטען די פרויען זיי זאָלען איהר העלפען אָרומוואַשען זיך און אָנטהאָן. דאַן האָט ער אויך געהייסען ברענגען פאַר איהר סאַנדאַלען. און מערקוויר־דיג, אַזוי שנעל ווי רות האָט אָנגעטהאָן די קלייד און זי האָט זיך אין שפּיגעל געזעהן, האָט איהר שטימונג זיך אינגאַנצען געביטען. דער וואָלקען פון טרויער און זאָרג וואָס האָט באַצויגען איהר שעהנעם פּנים, האָט ביס־לעכווייז גענומען פאַרשווינדען. זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און געוואָרפען דאַנקבאַרע בליקען אויף די צוויי מענער וועלכע האָבען זי באַגלייט. זי האָט זיך געפיהלט אַ סך רוהיגער און זיכערער. זי זעהט אַז זי איז צווישען אידען און קיין שלעכטעס וועט איהר ניט געשעהן.

דעם גאַנצען וועג אַז זי מיט זיי געגאַנגען שווייגענדיג. דוד און אַל־מאעלי האָבען געשוויגען. זיי האָבען איהר ניט געוואָלט שטערען. אָבער פון צייט צו צייט האָבען זיי געוואָרפען בליקען אויף רות׳ן און באַוואונדערט איהר שעהנקייט.

אָט זיינען זיי צוגעקומען צו דוד׳ס געצעלט. פון ווייטען האָבען זיי דערזעהן ווי דוד׳ס יונגען זיצען ביים אַריינגאַנג פון געצעלט און שמועס׳ן געמיטליך צווישען זיך.

זיי זיינען צוגעקומען צום געצעלט. די יונגען האָבען זיך אויפגעשטעלט און מיט נייגעריגע בליקען באַטראַכט די יונגע שעהנע מיידעל. זיי האָבען געוואָלט הערען ווער זי איז, אָבער דוד האָט זיי אַ וואונק געטהאָן און זיי זיינען געבליבען אין דרויסען.

אין געצעלט איז שרה געזעסען. זי איז געווען אויסגערוהט און שוין גענומען זאָרגען וואָס איהר ברודער זאַמט זיך אַזוי לאַנג. זי האָט זיך שטאַרק דערפרעהט ווען זי האָט געהערט זיין שטימע ווי ער זאָגט: „קענען מיר אַריינקומען ?"

— קומט אַריין! — האָט שרה אויסגערופען און איז זיי אַנטקעגען געגאַנגען. זי איז געבליבען שטעהן, ווען זי האָט דערזעהן די יונגע שעהנע מיידעל.

— דאָס איז רות! — האָט אַלמאעלי זי פאָרגעשטעלט פאַר זיין שוועסטער. — זי איז אַ אידישע טאָכטער, און געלויבט איז גאָט וואָס אונז איז געלונגען זי אויסצולייזען פון גוי־אישקע הענט.

שרה האָט זי אַרומגענומען און איהר געקושט.

— דו ביזט געווים הונגעריג און דורשטיג! — האָט זי זיך אָנגערופען צו איהר. — איך האָב צוגעגרייט שפּייז פאַר אונז אַלעמען. דו וועסט אָפּ־עסען און זיך אויסרוהען און דאַן וועסטו דערצעהלען וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט. איך האָף, אַז מיר וועלען זיין ווי צוויי שוועסטער.

מיר וועלן אייך ביידען איבערלאָזען אַליין און מיר וועלן דערווייל געהן אויפשטעלען אַ געצעלט פאַר אייך ביידען, וואו איהר וועט קענען זיין צוזאַמען אומגעשטערט — האָט אלמאעלי זיך אָפּגערופען.

רות און שרה זיינען פאַרבליבען אין געצעלט. שרה האָט איר דער-לאַנגט שפּייז און רות האָט געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט, ווייל זי איז געווען זעהר שטאַרק אויסגעהונגערט.

ווען אלמאעלי און דוד זיינען פאַרטיג געוואָרען, זיינען זיי צוריק אריינגעקומען אין געצעלט. שרה איז געזעסען נעבען רות'ן און ביידע האָבען גערעדט.

— יעצט וועסטו אונז דערצעהלען, ווי אַזוי דו ביזט אריינגעפאַלען צו די שקלאַפּענהענדלער אין די הענט! —האָט דוד זיך אָפּגערופען צו איהר.

— פיללייכט זאָלען מיר איהר ניט באַלעסטיגען דערמיט? — האָט אלמאעלי געזאָגט — לאָמיר צוואווארטען אַ טאָג, ביז וואַנען זי וועט אינ-גאַנצען קומען צו זיך.

— ניין, איך פיהל זיך יעצט גאַנץ גוט! — האָט רות געענטפערט — איך דאַנק גאָט וואָס ער האָט מיר באַשיצט און אייך געשיקט מיך צו רעטען. איך וועל אייך אַלעס דערצעהלען, פיללייכט וועט איהר מיר קענען העלפען געפינען מיין פאָטער.

זיי האָבען זיך אַלע אוועקגעזעצט אויף אַ טעפּיך און רות האָט אָנגע-פאַנגען צו דערצעהלען:

„איך און מיין פאָטער וואוינען אין מצרים. מיין פאָטער איז דאָרט געווען אַ רייכער סוחר און מיר זיינען געווען זעהר גליקליך ביז דעם לעצטען יאָהר, ווען אונז האָט אַן אומגליק געטראָפען און מיין מוטער איז קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען. מיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון אַ גרויסען רב און דיין פון ארץ ישראל, מיט'ן נאָמען רבי יפת בן אליהו. מיין זיידע וואוינט אין עכו, און קורץ נאָכדעם ווי מיין מוטער איז גע-געשטאָרבען, האָט מיין פאָטער באַשלאָסען צו פאַרקויפען זיינע געשעפטען און פאָהרען קיין ארץ ישראל צו מיין זיידען אין עכו. מיר זיינען אָנגעקומען אין עכו און געבראַכט די טרויעריגע בשורה צו מיין זיידען רבי יפת, אַז זיין טאָכטער איז געשטאָרבען. עס איז געווען זעהר אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר איהם, ווייל מיין מוטער איז געווען זיין באַליעבסטע קינד. מיר זיינען אָפּגעוועזען ביי מיין זיידען עטליכע מאָנאַטען און מיר האָבען געזוכט זיך צו טרייסטען איינער דעם צווייטען. מיר האָבען געזעהן אַז די אידען אין עכו און אין אַנדערע שטעדט אין ארץ ישראל זיינען זעהר אָרים און קיין פיעלע געלערענטע זיינען דאָרטען אויך ניטאָ. האָט מיין פאָטער ניט געקענט באַשליסען ביי זיך צו פאַרבלייבען אין ארץ ישראל אָדער זיך צוריק קעהרען קיין קאירא, וואו מיר האָבען געהאַט פיעלע פריינד. אַ לאַנגע צייט האָבען מיר זיך וועגען דעם גע'ישוב'ט, ביז וואַנען מיר האָבען זיך באַראַטהען מיט מיין זיידען. נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת האָט דער זיידע אונז געראַ-טהען זיך אומצוקעהרען נאָך מצרים. ער האָט אונז געזאָגט, אַז אין מצרים געפינט זיך יעצט אַ משפחה מיט'ן נאָמען מימון און ער וויל אַז מיר זאָלען דאָרטען די משפחה אויפזוכען און זיך מיט איהר באַפריינדען.

— מימון! — האָט שרה אויסגערופען — פון וואַנען האָט דיין זיידע געוואוסט פון דער משפּחה?

— ער האָט אונז דערצעהלט זעהר פיעל וואונדערבאַרע זאַכען פון יענער משפּחה! — האָט רות ווייטער געזאָגט — זיי זיינען געווען אין ארץ ישראל און ער האָט מיט זיי פאַרבראַכט עטליכע מאָנאַטען. אָבער זעהר שטאַרק באַגייסטערט איז ער געווען פון רבי מימון'ס עלטערען זוהן, רבי משה, אָדער ווי ער האָט איהם אָנגערופען, רמב"ם. ער האָט אונז גע-זאָגט, אַז רבי משה איז איינער פון די גרעסטע אידען וואָס מיר פאַרמאָגען זינט משה רבנו!

— יאָ, דערצעהל אונז וואָס ער האָט געזאָגט וועגען משה'ן! — האָט שרה אויסגערופען, און דאָס בלוט איז איהר אין פּנים געקומען.

— ער האָט אונז דערצעהלט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפען פון קאָרדאָוואָ און אויסגעוואַנדערט נאָך פעץ, אין מאַראָקאָ, און דאָרטען האָט ער אָנגע-שריבען פיעלע הייליגע ספרים און איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון די אידען אין מאַראָקאָ ביז וואַנען מען האָט זיי גע'מסר'ט אַז זיי גיבען זיך אָפּ מיט אידישקייט און רבי משה'ס לעבען איז געווען אין גרויס געפאַהר, זיינען זיי פון דאָרטען געווען געצוואונגען צו אַנטלויפען און זיי זיינען אָנגעקומען אין עכו.

— איז שוין לאַנג אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין עכו? — האָט שרה איהר נאָך אַמאָל אונטערגעבראָכען.

— יאָ, עס איז שוין איניגע יאָהר. זיי זיינען איינגעשטאַנען ביי מיין זיידען רבי יפת, און ער איז מיט זיי געפאָהרען נאָך ירושלים און האָט זיי באַגלייט דעם גאַנצען וועג, ביז וואַנען זיי האָבען פאַרלאָזען ארץ-ישראל און אָפּגערייזט נאָך מצרים. ער האָט אונז געזאָגט, אַז רבי מימון האָט זעהר אַ שעהנע טאָכטער מיט'ן נאָמען שפרה אין ווען איך וועל קענען געפינען אַ גוטע פריינדין. המ... יאָ, ער האָט נאָך אַ אינגערען זוהן מיט'ן נאָמען דוד — האָט זיך רות געגומען רויטלען — און דעריבער האָט מיין זיידע באַשלאָסען, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר אונז ווען מיר קעהרען זיך אום קיין מצרים... עס וועט ניט זיין שווער פאַר אונז אויפצוזוכען די משפחה פון רבי מימון — האָט ער אונז פאַרזיכערט, ווייל אַזעלכע וויכטיגע און גרויסע מענשען ווערען שנעל באַוואוסט וואו נאָר זיי קומען. ער האָט אונז געזאָגט, אַז ווען מיר וועלען זיי אויפזוכען, זאָלען מיר זיי איבערגעבען אַ גערוס פון רבי יפת, דעם רב פון עכו, און די משפחה פון רבי מימון וועט אונז מקרב זיין, ווייל אין דער קורצער צייט וואָס זיי האָבען מיט איהם פאַרבראַכט זיינען זיי געוואָרען זעהר שטאַרק באַפריינדעט און צוגעבונדען איינע צו די אַנדערע.

— מיר קענען די משפחה פון רבי מימון זעהר גוט! — האָט זיך אלמאעלי שוין מעהר ניט געקענט באַהערשען — ווייל מיר קומען אויך פון קאָרדאָוואָ.

— זאָל אונז רות דערווייל דערצעהלען וועגען זיך! — האָט שרה געזאָגט, און שפּעטער וועלען מיר איהר דערצעהלען וואָס מיט אונז האָט פּאַסירט.

— מיר האָבען באַשלאָסען צו פאַרלאָזען עכו! — האָט רות פאַרטגעזעצט — און מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַ שיף וואָס האָט געזאָלט אָפּרייזען נאָך אַלעקסאַנדריע. דער ים איז געווען רוהיג און מיר האָבען געהאָפט אַז די רייזע וועט אונז געדויערן בלויז עטליכע טעג. פּלוצלונג אָבער האָבען מיר דערהערט אַ געשריי און טומעל. מיין פאָטער און איך זיינען אַרויסגעלאָפען פון אונזער קאַיוטע און מיר האָבען אויסגעפונען אַז אונזער שיף ווערט געיאָגט פון אַ פּיראַטען שיף. דער קאַפּיטאַן איז געווען שטאַרק דערשראָקען. ער האָט אונז געזאָגט אַז ער זעהט ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך אונטערצוגעבען. עס האָט אויסגעבראָכען אַ יאָמער און געשריי. יעדער האָט געוואוסט וואָס עס מיינט. באַלד האָבען זיך דערהערט די קולות פון די ים־רויבער, וועלכע זיינען שוין געווען גאַנץ נאָהענט צו אונזב מיט שאַרפע שווערדען און שפּיזען זיינען די ים־רויבער אַרויף אויף אונז מיט שאַרפע שווערדען און שפּיזען זיינען די ים־רויבער אַרויף אויף איך האָב געזעהן ווי זיי האָבען אַ נעהם געטהאָן מיין פאָטער. איך האָב געהערט ווי ער האָט זיך ביי זיי געבעטען. מעהר געדענק איך ניט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען צווישען אַנדערע מיידלאַך און פרויען. איך האָב גענומען וויינען און פרעגען וואו איז מיין פאָטער. איינער, אַ מאַן, וועלכער האָט געטראָגען אַן אוירינגעל אויף זיין לינקען אויער, האָט עפּעס געזאָגט אין אַ שפּראַך וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען און האָט זיך נאַכהער פאַנאַנדערגעלאַכט. צווישען די מיידלאַך האָט זיך געפונען אַן עגיפּטישע מיידעל מיט וועמען איך האָב זיך געקענט צונויפרעדען. זי האָט מיר געזאָגט אַז מיר זיינען פאַרקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען און אַז מען וועט אונז אַוועקפיהרען נאָך באַגדאַד, וואו מען וועט אונז פאַרקויפען צו דעם וועלכער וועט אָנבאָטען דעם העכסטען פּרייז.

וואָכען לאַנג האָט מען אונז געהאַלטען צוזאַמען. מען האָט אונז געצוואונגען צו עסען און צו טרינקען כדי מיר זאָלען אויסזעהן וואָס שעהנער און שטאַרקער ווען מען וועט אונז ברענגען אויף דעם מאַרק פּלאַץ צו פאַרקויפען. איך האָב ניט אויפגעהערט צו וויינען און טרויערען וועגען מיין פאָטער. איך האָב ניט געוואוסט וואָס זיי האָבען צו איהם געטהאָן. איינער פון די אויפזעהער האָט מיך געוואָלט באַרוהיגען, האָט ער מיר געזאָגט אַז די ים-רויבער טויטען ניט די מענשען וועלכע זיי פאַנגען, נאָר זיי פאַרקויפען זיי פאַר שקלאַפען. כ׳האָף אַז מיין פאָטער לעבט און איהם וועט אויך טרעפען אַזאַ גליק ווי מיר, ער זאָל אַריינפאַלען צווישען אייגענע ברידער.

— איך וועל דיין פאָטער אויפזוכען — האָט זיך דוד אַלראַי אָפּגערופען צו רות׳ן — גאָט, וועלכער האָט אין מיר אַריינגעגעבען אַ גייסט אויסצולייזען מיינע פאַרפאָלגטע און געפּלאָגטע ברידער פון גלות, וועט מיר אויך העלפען אויפזוכען דיין פאָטער.

רות האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דוד אַלראַי מיינט. זי האָט איהם אָבער באַדאַנקט פאַר זיין פאַרשפּרעכען.

אויף שרה׳ן האָבען דוד׳ס רייד ניט געמאַכט קיין אנגענעהמען איינדרוק. זי האָט שוין ניט איינמאָל פון איהם געהערט אָנדייטונגען אַז ער

איז אויסדערוועהלט געוואָרען פון גאָט צו זיין דער אויסלייזער פון ישראל. און וואָס מעהר זי האָט מיט איהם גערעדט, אַלץ ווינציגער האָט זי אין איהם געקענט זעהן דעם משיח, ווענמען זי האָט אין איהר פאַרשטעלונגס־קראַפט געזעהן, און ווענגען וועמען זי האָט זיך אָנגעהערט אין רבי מימון'ס הויז. די געשיכטע מיט האסאנא'ן, פון וועמען אלראי האָט געוואָלט אַרויסקריגען געלט דורך אַ שווינדעל, האָט איהם אַ סך דערנידעריגט אין איהרע אויגען. און כאָטש זי האָט געוואוסט אַז זיין כונה איז צו העלפען זיינע אומגליקליכע ברידער אין גלות, און זי איז איהם אויך דאַנקבאַר געווען פאַר דעם וואָס ער האָט זי און אלמאַעלי'ן גערעטעט פון די הענט פון אלהוני'ן, דאָך האָט די געשיכטע מיט דער רייכער פרוי האסאנא אויף איהר געמאַכט זעהר אַ שלעכטען איינדרוק. זי האָט געהאָפט אַז אלראי וועט אויפגעבען זיין פּלאַן צו געהן צו איהר, נאָכדעם ווי ער האָט איהר דורך דער פאַרשטעלטער ציגיינערין געלאָזט באַאיינפלוסען וועגען איהם.

שרה און רות זיינען אַריין אין זייער געצעלט, וואָס עס איז אויפגעשטעלט געוואָרען נעבען אלראי'ס געצעלט. זיי האָבען אַלעס געפונען צוגעגרייט. זייער געלעגער איז געווען געמאַכט.

— איך ווייס ניט מיט וואָס איך זאָל אייך אַלעמען באַדאַנקען פאַר דעם חסד וואָס איהר האָט מיט מיר געטהאָן! — האָט רות געזאָגט צו שרה'ן, ווען זיי זיינען אַליין איז געצעלט געווען — איך וועל זיך שעצען גליקליך צו זיין דיין דינסט אויף אייביג.

— רייד ניט אַזוי, רות! — האָט שרה זיך אָפּגערופען צו איהר — גאָט האָט דיך צו מיר געשיקט צו זיין מיין שוועסטער. איך וועל זיך קיינמאָל פון דיר ניט שיידען, ווייל אונז ביידען האָט איין גורל געטראָפען. עס האָט ניט פיעל געפעהלט איך זאָל אויך ווערען אַ שקלאַפין צו אַן אומווירדיגען מאַן, און דאַן וואָלט דער טויט פאַר מיר געווען אַ סך מעהר געוואונשען. יע, גאָט האָט אונז ביידען געראַטעט און מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט שיידען, אפילו אויב גאָט וועט אונז העלפען און מיר וועלען האָבען אייגענע משפחות, וועלען מיר שטענדיג זיין נאָהענט איינע צו דער צווייטער.

— געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט מיך ניט פאַרלאָזען! — האָט רות זי אַרומגענומען און געקושט. — איך האָב שוין געהאַט פאַרלאָרען מיין האָפענונג... ווען איך האָב דערזעהען דעם פנים פון דעם דיקען אַראַבער, וועלכער האָט אָנגעבאָטען אַ גרויסע סומע געלט פאַר מיר, האָב איך שוין געגלויבט אַז אַלעס איז פאַר מיר פאַרלאָרען... אָבער דער פאָטער אין הימעל האָט מיר ניט פאַרלאָזען, ער האָט צוויי מלאכים צו מיר געשיקט און זיי האָבען מיך פון גוישע הענט אויסגעלייזט. יעצט איז ביי מיר די האָפענונג שטאַרקער געוואָרען, אַז איך וועל זיך נאָך אַמאָל זעהן מיט מיין ליעבען פאָטער.

שרה האָט דאַן פאַר רות'ן דערצעהלט איהר גאַנצען לעבען, זינט זי איז אַ קליינע מיידעלע געווען. זי האָט אפילו ניט פאַרפעהלט איהר צו דערצעהלען איהר ליעבע וואָס זי האָט געהאַט פאַרבאָרגען אין איהר האַרצען פאַר דעם יונגען משה'ן, דעם זוהן פון מיימון.

— יע, איך בין נאָך דאַן אַ קליין קינד געווען, אָבער איך האָב שוין

געפיהלט, אַז משה וואַקסט אויס צו זיין אַ ליכטיגער שטערן, וועלכער וועט באַלייכטען דעם וועג פאַר אונזערע ברידער אין גלות. איך האָב איהם די גאַנצע צייט פון מיינע געדאַנקען ניט אַרויסגעלאָזען און דאָס האָט מיר געגעבען מוטה און כוח איינצושטעללען מיין לעבען אין סכנה. צום באַדויערען קען איך וועגען מיין פאָטער ניט ריידען מיט אַזוי פיעל ליעבשאַפט ווי דו, ווייל ער איז אַוועק מיט'ן שטראָם און צוליעב עולם הזה האָט ער זיין אידישקייט אין גאַנצען אויפגעגעבען. פון אָנפאַנג האָט ער אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען בלויז פון דרויסען, אָבער אין הויז האָט ער אָפּגעהיט אידישקייט. ביסלאַכווייז אָבער האָט ער אינגאַנצען פאַרלאָזען דעם אידישען גלויבען און ער האָט אויך פאַרלאַנגט אַז איך און מיין ברודער זאָללען געהן אין זיינע פוסטריט. און געלויבט איז גאָט, וואָס מיר ביידע האָבען זיך אין צייט געראַטעוועט.

ביידע, רות און שרה, האָבען נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט צווישען זיך גערעדט, ביז וואַנען זיי זיינען איינגעשלאָפען. זיי זיינען ביידע געווען מיעד און געשמאַק אָפּגעשלאָפען די גאַנצע נאַכט. און ווען זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט האָבען שוין די שטראַהלען פון דער זון אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַלטען אין געצעלט.

זיין האָבען זיך שנעל אָנגעטהאָן און שרה האָט שוין געטראָפען נעבען געצעלט אַ קרוג קאַלטע און פרישע וואַסער. זיי האָבען זיך אַרומגעוואַשען און דאַן האָט אַלמאַעלי זיי גערופען עסען פריהשטיק.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַלראַי'ס געצעלט און די שפּייז איז שוין געווען גרייט. צוזאַמען מיט דוד'ס יונגען האָבען זיי געגעסען. זיי האָבען גערעדט און אויסגעאַרבייט פאַרשיידענע פּלענער. דוד האָט זיך צוגעגרייט צו געהן צו האַסאַנאַ'ן. ער האָט געטראָגען זיין שעהנעם מלבוש, און אַלע, אויסער שרה און רות, האָבען געלאַכט ווען ער האָט געזאָגט ווי אַזוי ער וועט אַרויסקריגען די רייכטום פון האַסאַנאַ. שרה'ן האָט עס שטאַרק פאַרדראָסען, ווייל דוד אַלראַי איז אין איהרע אויגען אַ סך געפאַלען, און רות האָט נאָך דערוייל ניט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

שפּעטער ווען אַלראַי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און אַוועקגעריטען צו דער ריכטונג וואו האַסאַנאַ'ס געצעלטען זיינען געווען, האָט שרה דערצעהלט רות'ן אַלע איינצעלהייטען.

רות האָט זיך אויך שטאַרק געוואונדערט אויף דוד'ן. זי האָט באַוואונדערט זיין העלדישקייט, ווי אַזוי ער האָט געבראַכט אַלהונ'ין צום קאַדי'ן און אַרויסגעקראָגען גערעכטיגקייט. זי האָט אויך געהערט פון זיינע פּלענער צונויפצוזאַמלען די אידישע העלדען און זיי פיהרען אין קאַמף געגען די שונאים און איינגעהמען ארץ ישראל. זי האָט אויך פאַרשטאַנען פון זיינע אָנדייטונגען אַז ער שטאַמט פון מלכות בית דוד און אַז ער גלויבט דאָס גאָט האָט איהם באַשטימט פאַר דעם אויסלייזער פון די אידען.

— איך האָב געהאַט פריהער צוגעשטימט אַז מיר אַלע זאָלען אָפּרייזען צוזאַמען נאָך ארץ ישראל! — האָט שרה זיך אָפּגערופען צו רות'ן — אָבער ווען איך האָב אויסגעפונען וועגען זיין פּלאַן ווי אַזוי צו קריגען דאָס געלט, האָב איך מיין מיינונג געענדערט. איך וועל בעסער פאַרבלייבען

דאָ ביז וואַנען די צייט וועט קומען און מיר וועלן קענען אַפּרייזען נאָך מצרים, וואו אונזערע ברידער לעבן צופרידען. בפרט יעצט, אַז איך האָב אויסגעפונען אַז די משפחה פון מיימון געפינט זיך אין מצרים... ווייל שפרה, די טאָכטער פון מיימון, איז געווען מיין בעסטע פריינדין און איך פלעג מיטאיהר פאַרברייינגען יעדען טאָג. די גאַנצע צייט זינט די משפחה פון מיימון האָבען אויסגעוואַנדערט פון קאָרדאָווא, האָב איך פון זיי ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, און טאַקע מיין פאַרבינדונג מיט דער משפחה פון מיימון האָט אין מיר אַריינגעגעבען גענוג שטאַרקייט, איך זאָל בייקומען אַלע שטרויכלונגען פון מיין וועג.

— און דיין ברודער? — האָט רות געפרעגט — וועט ער דען מיט־רייזען מיט אַלראַי׳ן נאָך ארץ ישראל?

— איך גלויב ניט אויב מיין ברודער וועט וועלען רייזען אַהין אָהן מיר! — האָט שרה געזאָגט — יעדענפאַלס וועל איך מיט איהם ריידען. איך ווייס אַז דוד אַלראַי האָט איהם זעהר שטאַרק באַאיינפלוסט, און איך אַליין האָב שוין זיך אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין זיין כוח, ווייל ער רעדט זעהר איבערצייגענד און דערצו איז ער אויך העלדיש און זאָגט אַז ער שטאַמט פון דוד המלך׳ס משפחה.

באַלד איז צוגעקומען אַלמאַעלי און שרה האָט איהם געזאָגט אַז זי האָט חרטה וואָס זי האָט געהאַט פריהער צוגעשטימט אַז זיי זאָלען צוזאַמען מאַכען די רייזע נאָך ארץ ישראל.

— אָבער שרה! — האָט אַלמאַעלי זך אָפּגערופען — דוד אַלראַי ער־וואַרט דאָך אַז מיר זאָלען צוזאַמען געהן! פאַרוואָס האָסטו פּלוצלונג חרטה?

— די „ציגיינערין" — האָט שרה אויסגערופען — ווען איך האָב גע־הערט וואָס דער יונג האָט איהם דערצעהלט וועגען האַסאַנאַ׳ן האָב איך מיין גאַנצען צוטרוי צו איהם פאַרלאָרען!

—איך פאַרשטעה, מיין שוועסטער! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט — איך אַליין בין אויך שטאַרק איבערראַשט פון זיין האַנדלונג. אָבער דאָך גלויב איך אַז מיר קענען פיליייכט ניט באַגרייפען זיין האַנדלונג. לויט ווי ער האָט אונז ערקלערט, האָבען די גויים אונז באַרויבט און דאָס וויל ער אומקערען די רויב פון זיי!

— ניט דורך שווינדעל! איך קען זיך פאַרשטעלען, אַז די רייבע פרוי איז געווים אומשולדיג, און זי וועט פון איהם באַשווינדעלט ווערען. ניין, אַן עהרליכער איד, וועלכער היט אָפּ די תורה, וועט אַזעלכע שווינד־לעריען ניט באַגעהן, אפילו ווען ער וויל דאָס געלט באַנוצען פאַר אַזא גוטען צוועק. דורך מלחמה אויב ער וויל צוריקגעווינען אונזער לאַנד, קען איך נאָך פאַרשטעהן, אָבער דורך שווינדעל, דאָס ניט!

— און וואָס פּלאַנסטו צו טהאָן, מיין שוועסטער? — האָט אַלמאַעלי זי געפרעגט. — איך האָב באַשלאָסען דאָ אין באַגדאַד צו פערבלייבען, ביז וואַנען מיר וועלען קריגען אַ געלעגענהייט אָפּצורייזען נאָך מצרים, וואו עס געפינען זיך אַזוי פיעל פון אונזערע ברידער וועלכע לעבען דאָרטען גליקליך און רוהיג, וועלען מיר אויך געפינען רוה און גליק. אויסער דעם האָסטו

דאָך געהערט אין די משפּחה פון מימון געפינט זיך אין מצרים — האָט שׂרה צוגעגעבן עטוואָס רויט ווערענדיג.

יע, מיין ליעבע שוועסטער! — האָט אלמאעלי געזאָגט — איך האָב אויך געקראָגען א פּלוצלונגדיגען פּארלאנג אָפּצורייזען נאָך מצרים. ווען איך האָב אויסגעפונען מעהר איינצעלהייטען וועגען דעם לעבען פון די אי־דען אין מצרים, ציהט מיר דאָס הארץ אהין, בפרט ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט אז די אידען אין ארץ ישראל ליידען ניט נאָר פון אָרימקייט און נויט, אָבער זיי ליידען אויך פון מאַנגעל אין חכמה און וויסענשאפט. די קליינע אידישע באפעלקערונג מיט דער אויסנאַהמע פון איינציגע איז אויך גייסטיג אָרים, און קיין צרות פון די קריסטען פעהלט זיי געווים ניט... איך בין זיך מודה שׂרה, אז די שעהנע רייד פון אונזער פריינד און באפרייער, דוד אלראי האָבען אויף מיר גאָר א גרויסע ווירקונג געהאַט. איך האָב איהם באַטראַכט אלס אויבער מענש, אלס איינעם וועמען גאָט האָט ווירקליך באַ־שטימט צו העלפען אונזערע אומגליקליכע ברידער, האָט ער אונז אליין דען ניט געהאָלפען אויף אזא וואונדערליכען אופן. אָבער ווען איך האָב זיך גענומען באַטראַכטען און געזעהן וואָס פאר א מיטלען ער ווענדעט אָן אום זיין ציל צו דערגרייכען האָב איך אויך אין גאנצען מיין מיינונג וועגען איהם געענדערט, כאָטש מיין דאנקבארקייט צו איהם, פאר אלעס וואָס ער האָט פאר אונז געטהאָן, איז ניט קלענער געוואָרען, דורך דעם, און דעריבער וועט מיר טאקע זיין זעהר שווער איהם צו לאָזען וויסען אז איך האָב חרטה און אייך וועל נאָך ארץ ישראל ניט אָפּרייזען אין דער יעצטיגער צייט.

— זיינען מיר דען ניט גערעכט, רות? — האָט זיך שׂרה צו איהר געווענדעט — איז דען ניט גלייכער פאר אונז אָפּצורייזען נאָך מצרים ביי דער ערשטער געלעגענהייט, איידער צו מאַכען א רייזע נאָך ארץ ישראל? וואָלסטו דען ניט פאַרגעצויגען צו געהן נאָך מצרים?

— איך? וואָס פאר א דעה קען איך האָבען? איך באַלאַנג דאָך צו אייך! איהר האָט פאר מיר געלט באַצאָהלט און מיך אָפּגעקויפט!

— איך בעט דיר, רות, רייד ניט אזוי. מיר האָבען דיך ניט אָפּגע־קויפט, נאָר אויסגעלייזט פון גוי'אישע הענט. דו ביזט אלעמען גלייך, צו מיר ביזטו ווי א שוועסטער פאררעכענט און מיין ברודער איז אויך דיין ברודער. מיר וועלען זיך קיינמאָל ניט צושיידען. און ווען גאָט וועט גע־בען און דו וועסט דיין פאָטער אויפזוכען וועט איהר וואוינען ניט ווייט פון אונז אזוי אז מיר זאָלען זיך קענען זעהר איינע מיט דער צווייטער כמעט יעדען טאָג.

טרעהרען האָבען זיך באוויזען אין די אויגען פון רות, ווען זי האָט געהערט די צערטליכע טרייסט רייד פון שׂרה'ן. זי האָט זיך שוין מעהר ניט געפיהלט עלענד. שׂרה איז צו איהר ווירקליך ווי א שוועסטער. מיט איהר צוזאמען פיהלט זי זיך זיכער. גאָט האָט זי ניט פארלאָזען, ער האָט געשיקט צו איהר מלאכים אין געשטאַלט פון שׂרה'ן און אלמאעלי'ן זיי זאָ־לען זי ארויסראַטעווען פון די רויבערישע הענט, און פיליכט וועט אויך גאָט איהר פאָטער באַשיצען און איהם צוריקקעהרען צו איהר.

## קאפיטעל 13

עס האָט ניט לאַנג גענומען און די אידען פון אלעקסאנדריע האָבען אויסגעפונען וואָס פאַר אַן אוצר זיי האָבען אריינגעקראָגען אין זייער שטאָדט מיט דעם אָנקומען פון רמב"ם. זיין נאָמען איז שוין ביי פיעלע געלערענטע און חכמים פון לאַנג באַוואוסט געווען, און ווען זיי האָבען אויסגעפונען אז דער רמב"ם איז אָנגעקומען מיט זיין משפחה האָבען זיי איהם גלייך באַזוכט. און זייער שמחה איז געווען גרויס ווען זיי האָבען אויסגעפונען אז ער וועט שוין אויף שטענדיג פארבלייבען אין מצרים, די איינציגע לאַנד וואו ביי דער יעצטיגער שלעכטער צייט לעבען זיך די אי־דען גליקליך, כאָטש גייסטיג זיינען זיי געווען פארשקלאַפט אין אומוויסענ־הייט און עם הארצות.

אויסער דעם, ווי עס איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען זיינען די אידען פון מצרים געווען צוטיילט אין צוויי לאַגערען, די אידען וועלכע האָבען זיך אויפגעפיהרט אין זייער רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען לויט די פאראָרדנונגען פון תלמוד, און די קראים (קאַראַאימען) די נאָכפאָלגער פון ענן, דער גרינדער פון זייער סעקטע.

די קאַראַאימען (בני מקרא) האָבען זיך גערופען מיט דעם נאָמען וויי־ל זיי האָבען געגלויבט אז צו דער תורה דארף מען ניט האָבען קיינע פרושים, מען דארף אויספאָלגען די געזעצען פון דער תורה בוכשטעבליך. דעריבער טאָקע פלעגען זיי זיצען פרייטאָג צו נאַכט אין דער פינסטער, ווייל אין דער תורה שטעהט געשריבען: לא תבערו אש בכל משבתיכם ביום השבת (איהר זאָלט ניט אָנצינדען קיין פייער אין אלע אייערע וואוינונגען אין דעם טאָג פון שבת.) די קאַראַאימען האָבען דעם פסוק אויסגעטייטשט אז מען טאָר ניט אָנצינדען קיין פייער אפילו פאַר דער שקיעה עס זאָל זיין ליכטיג אין הויז ווען די נאַכט קומט אָן. און מען טאָר אפילו ניט האָבען ליכט אין הויז ווען אַ ניט איד צינדט עס אָן. זיי האָבען געזאָגט, אז די תורה פאַר־לאַנגט אז מען זאָל קיין ליכט ניט האָבען אין הויז דעם גאַנצען טאָג שבת, ניט ווי די חכמי התלמוד האָבען אָנגענומען, אז די מלאכה פון אָנצינדען דאָס ליכט איז פארבאָטען, אָבער ווען דאָס ליכט ווערט אָנגעצונדען איידער דער שבת קומט אָן דאַן איז עס ערלויבט.

די קאַראַאימען האָבען אויך אויסגעטייטשט: „עין תחת עין, יד תחת יד" (אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ האַנט פאַר אַ האַנט) אָהן קיינע פרושים. אויב אימיצער נעהמט ארויס ביים צווייטען אַן אויג, דארף מען איהם באַ־שטראָפען מיט דעם וואָס מען דארף דערפאַר זיין אויג ארויסנעהמען. ווען איינער האקט ארונטער פון אַ צווייטען אַ האַנט דארף מען יענעמ'ס האַנט דערפאַר ארונטערהאַקען. און זיי האָבען ניט געהאַלטען ווי די חכמים פון דעם תלמוד, וועלכע האָבען אויסגעטייטשט, אז „עין תחת עין" מיינט ממון, דאָס הייסט ווען איינער האקט דעם צווייטען אויס אַן אויג דארף ער דעם באַשעדיגטען באַצאָהלען פאַר דעם פארלוסט פון זיין אויג, לויט וויפיעל דאָס געריכט באַשטימט.

און אזוי פיעל אנדערע אויסטייטשונגען פון די פסוקים פון דער תורה

האָבען די קאַראַאימען אויסגעטייטשט וואָס איז געווען זעהר פרעמד דעם גייסט פון די אידען, די נאָכפאָלגער פון תלמוד.

עס פלעגט דעריבער קומען צו שאַרפע מחלוקת׳ן און צאַנקערייען צווישען די צוויי אידישע סעקטען. און אין דער צייט ווען דער רמב״ם איז אָנגעקומען אין מצרים, האָט אויסגעזעהן אז די קאַראַאימען האָבען געקראָגען די אויבערהאַנט. און עס איז געווען א גרויס געפאַהר פאַר דעם אידענטום אין מצרים, און דעריבער האָט רבי משה בן מימון׳ס אָנקומען אין מצרים אַרויסגערופען פיעל פרייד צווישען די אידען, די אָנהענגער פון דעם תלמוד. און זיי זיינען ווירקליך ניט ענטוישט געוואָרען. און דאָס איז געווען דעם רמב״םס גרעסטער אויפטהו פאַר אידישקייט. אייניגע פון די רבנים האָבען זיך אויסגעדריקט: משה רבנו, דער זוהן פון עמרם האָט די אידען אויסגעלייזט פון שקלאַפעריי אין מצרים, און רבי משה בן מימון האָט אויסגעלייזט די אידען אין מצרים פו זייער אומוויסענהייט און פון דעם קאַראַאימישען איינפלוס. געטהאָן האָט עס דער רמב״ם מיט טאַקט, ניט דורך גזרות און ניט דורך אַריינלעגען די קראים אין חרם און זיי נאָך מעהר אויפרייצען און אויפרעגען. ער האָט געוואונען זיין זיעג איבער די קאַראַאימען דורך טאַקט, דורך צערטליכע רייד און דורך אויפקלערונגען.

די צוויי סעקטעס האָבען זיך גאַנץ אָפט מתחתן געווען איינע מיט׳ן צווייטען און די פרומע אידען האָבען געשטורעמט געגע דעם. זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ חרם ניט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט זיי, ניט צו באַטייליגען זיך אין זייערע שמחות, ניט צו ערלויבען די מוהלים זאָלען מל זיין די קאַראַאימישע קינדער, ניט צו באַגראָבען זייערע טויטע אויף דעם אידישען בית עולם.

דער רמב״ם אָבער האָט געזאָגט, אַז די קאַראַאימען זיינען אויך אידען, זיי זיינען ווי קינדער פון איין משפחה, וועלכע האָבען זיך אָפּגעפרעמדט און עס איז אונזער פליכט זיי צוריקצוברענגען צו דער משפחה און זיי ניט מעהר פאַרטרייבען און מעהר אָפּפרעמדען פון זיך.

מיט פריינדליכקייט און לאָגישע אויפקלערונגען האָט דער רמב״ם געוואונען פיעלע פון די קאַראַאימען צוריק צום אידענטום. ער האָט פאַרניכטעט די שונאים פון אידענטום דורך דעם וואָס ער האָט זיי פאַרוואַנדעלט אין פריינד.

מיט לייב און לעבען האָט זיך דער רמב״ם אַריינגעוואָרפען אין זיין טעטיגקייט צו שאַפען אָרדנונג און שלום צווישען די צוויי עקסטרעמע סעקטען. ער האָט געקראָגען זעהר פיעל אָנהענגער וועלכע האָבען מיט דורשט זיינע ווערטער געטרונקען. די רבנים און פיעלע פון די קנאים (פאַנאַטיקער) האָבען באַלד איינגעזעהן אַז דער רמב״ם האָט אַריינגעבראַכט א רפואה אין דעם קראַנקען קערפער פון אידענטום אין מצרים.

דער רמב״ם האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַר זיין אַרבייט. כאָטש די קהילה אין אַלעקסאַנדריע האָט עס איהם אָנגעבאָטען. ער האָט זיך ערנעהרט צוזאַמען מיט דער משפחה פון דעם וואָס ער און זיין איינגערער ברודער דוד פלעגען אונטערהאַנדלען מיט קאָסטבאַרע שטיינער. דוד איז געווען זעהר פעהיג אלס סוחר, ער איז געווען א מבין אויף די פערשי־

דענע קאָסטבאַרע שטיינער און טייערע ציערונג. דעריבער האָט ער אַליין דאָס רוב דורכגעפיהרט דעם מסחור, לאָזענדיג זיין ברודער, דעם רמב"ם זיך באשעפטיגט אין תורה און חכמה. דער רמב"ם אָבער האָט ניט געוואָלט הנאה האָבען פון יענעם'ס פּראצע ניט אפילו פון זיין בעליעבטען און טייערען ברודער, דעריבער פלעגט ער איהם ארויסהעלפען.

זיין פאָטער רבי מימון און זיין מוטער זיינען שוין געווען אַלט און גאַנץ אָפּגעשוואַכט פון וואַנדערען און וואָגלעניש, רבי מימון האָט געמוזט בלייבען זיצען אין דער היים, און דער רמב"ם האָט געוואָלט אז זיינע עלטערען זאָלען קיין זאָרג ניט האָבען. ער האָט אויך געוואָלט אז זיין ליעבע שוועסטער שפרה זאָל בעזאָרגט ווערען. ער האָט געוואָלט אז זי זאָל קריגען איהר זיווג, ערשט דאַן וועט ער זיך בערוהיגען און זיך אין גאַנצען קענען איבערגעבען צום לערנען, און ווידמען זיין צייט צו זיין פאָלק. דאָ, אין דיזען לאַנד, וואו זיי זיינען פריי, און וועלען ניט דאַרפען זיך באהאַלטען און שטענדיג ציטערען פאַר זייער אייגענעם שאָטען, דאָ וועט מען ערשט קענען טראַכטען פון א שידוך פאַר זיין שוועסטער, וועלכע בעזיצט אזא שעהנע נאָבעלע נשמה. ער ווייס אז פון די אַלע בעקאַנטע און פריינד וועלכע קומען מיט איהם טאָג טעגליך אין פאַרבינדונג, געפינט זיך ניט קיינער וועלכער זאָל זיין ווירדיג צו זיין שפרה'ס מאַן.

דער רמב"ם איז אין אַלעקסאַנדריע אויך גלייך בעוואוסט געוואָרען אַלס גוטער דאָקטאָר און זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו געהן אין דעם אָרימען געגענד ווו די אָרימע, הילפלאָזע אידען האָבען ניט געקענט בעהויפּטען צו צאָהלען א דאָקטאָר פאַר זייערע קראַנקע און דער רמב"ם פלעגט זיי היילען אומזיסט. ער האָט געהיילט די גייסטיגע און פיזישע קראַנקהייטען פון זיינע ברידער, און ניט נעהמענדיג קיין געלט פאַר זיין ארבייט, האָט זיך אין זיין הויז אָנגעהויבען צו פיהלען א מאַנגעל אין געלט. אין מצרים איז ניט געווען קיין מאַרק פאַר קאָסטבאַרע שטיינער, או די סוחרים פלעגען ארומרייזען אין ווייטע לענדער, ווי אין בבל, פּערסיע, פּיעלע פלעגען רייזען אזוי ווייט ווי ביז אינדיע וואו זיי פלעגען קענען אויפקויפען די קאָסטבאַרע שטיינער און צירונג האלב אומזיסט, און דאַן פלעגען זיי עס פערקויפען אין פערשידענע לענדער און זיך צוריקקעהרען נאָך מצרים מיט פיעל געלט.

דוד, דער אינגערער זוהן פון מימון, האָט זיך בעקאַנט מיט אייניגע אידישע סוחרים וועלכע פלעגען מאַכען א רייזע איין מאָל א יאָהר אין ווייטע לענדער, און זיינען צוריקגעקומען מיט אסך געלד.

דוד איז געקומען אהיים און האָט פערטרויט זיין ברודער, דעם רמב"ם, וועגען זיין פּלאַן צו מאַכען אזא רייזע נאָך באגדאַד, וואוהין נאָך צעהן אידישע סוחרים פלאַנעווען צו פאָהרען. דער רמב"ם האָט איהם דערפון אָפּגערעדט.

— אונזער בעדערפניש איז ניט גרויס! — האָט רבי משה זיך אָפּגערופען צו זיין ברודער דוד'ן — און וויפיעל מיר פערדינען איז גענוג. האָסטו דען ניט גענוג געוואנדערט?

— איך בין יונג און שטאַרק און איך וועל דאָך די רייזע אַליין ניט

מאַכען. — האָט דוד זיך אָפּגערופען. — נאָך פיעלע סוחרים פאָהרען, און דו ווייסט דאָך אז אין מצרים קען מען יעצט ניט פערדינען פון אונזער מסחר. מיר וועלען אויפעסען דאָס ביסעל געלט און דאן וועט אונז אויס־קומען צו ליידען. איך האָב זיך בעקאַנט מיט אייניגע אידישע דימאַנטען הענדלער וועלכע האָבען אין איין אייניציגע רייזע פערדינט גענוג געלט אז זיי וועלען מיט דעם קענען לעבען אָהן זאָרג פאַר צעהן יאָהר. איך בעט דיר, מיין ליעבער ברודער, זיי ניט דאגעגען און איך וועל אויך פועל'ן ביי דעם פאָטער ער זאָל צושטימען.

ניט אזוי גרינג איז דוד'ן אָנגעקומען צו קריגען דעם פאָטער'ס צושטי־מונג צו זיין רייזע נאָך באַגדאַד.

דוד האָט מיטאיהם איינגע'טענה'ט עטליכע טעג. ער האָט איהם אויפגעוויזען אין וואָס פאַר א שלעכטע לאגע זיי וועלען זיך געפינען און אז ער וועט מאַכען די רייזע מיט נאָך פיעל אידען און זיי וועלען זיין בעשיצט פון יעדען געפאהר.

— דו ווייסט דאָך, ליעבער פאָטער! — האָט דוד זיך צו איהם אָפּ־גערופען, — מיין ברודער איז זעהר שטאַרק פערנומען אין תורה און אין זיין ליידיגע צייט העלפט ער אונזערע אָרימע קראַנקע ברידער, קענע מיר דען ערוואַרטען אז ער זאָל מבטל זיין זיין צייט או מיר העלפען געהן זוכען פרנסה? דער האַנדעל מיט קאָסטבאַרע שטיינער איז זעהר גוט אָבער ניט דאָ אין מצרים, מענשען וועלכע רייזען ארום אין די ווייטע לענדער זיינען נתעשר געוואָרען. אמת, מיר זוכען ניט קיין רייכטום, אָבער ווען די דאגה פון פרנסה וועט ארונטערגענומען ווערען פון משה'ן, וועט ער קענען רוהיג ווידמען זיין צייט צו אונזער הייליגע תורה או צו היילען די גייסטיגע און קערפערליכע קראַנקהייטען פון אונזער פאָלק.

דיזע רייד פון דוד'ן האָבען געהאַט אויף רבי ממון'יען דעם געווינ־שטען איינדרוק. ער האָט זיך ארומגעזעהען אז ווי באַלד זיין זוהן משה נעמט ניט קיין באַלוינונג פאַר די וויכטיגע אַרבייט וואָס ער טהוט פאַר זיינע ברי־דער וועט דוד מוזען בעזאָרגען די משפחה מיט פרנסה.

נאָך א לאַנגע ישוב הדעת, האָט רבי מימון צוגעשטימט און דוד, זיין אינגערער זוהן האָט זיך גענומען גרייטען צו דער רייזע. ער האָט אין זיין באַזיץ געהאַט א געוויסע צאָהל קאָסטבאַרע שטיינער און ציערונג פון גאָלד און זילבער, און ער האָט עס אַלעס מיטגענומען. ער האָט זיך געזעגענט מיט זיין משפחה.

דער רמב״ם איז אַליין צוגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו די אידישע סוח־רים האָבען זיך פערזאַמעלט. ער האָט אויסגעפונען אז זיי זיינען אַלע עהר־ליכע און גאָטספאָרכטיגע אידען. ער האָט זיך מיט זיי דורכגערעדט און זיי האָבען איהם פערזיכערט, אז עס איז קיין געפאהר ניטאָ אין זייער וועג, און אז זיי האָבען שוין אייניגע אַזעלכע רייזעס דורכגעמאַכט.

דער רמב״ם האָט געקושט זיין ברודער און דוד צוזאַמען מיט די אַנ־דערע אידישע סוחרים, האָבען פערלאָזען אַלעקסאַנדריע.

קאַפּיטעל 14.

דוד אלראי האָט זיך אָנגעטהאָן אין זיינע יום־טוב׳דיגע מלבושים. ער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז אוועקגעריטען צו דעם פּלאַץ וואו די רייכע האסאנא האָט זיך געפונען. רייטענדיג אויף זיין פערד האָט ער אויסגעזעהן מאַיעסטעטיש ווי א פּרינץ.

די געצעלטען פון האסאנא זיינען געווען צושפּרייט אויף א ברייטען שטח. עס זיינען געווען געצעלטען פאר איהרע קנעכט, פאר איהרע דינסטען און קאַמער-מיידלעך.

פיעל קעמלען האָבען גערוהט אויף זייערע קניה, ניט ווייט פון די גע-צעלטען. איינינגע פון איהרע קנעכט האָבען אכטונג געגעבען אויף די קעמלען.

אין מיטען איז געשטאַנען זעהר א ברייטער און גרויסער געצעלט. דער געצעלט איז געווען אויסגעפּוצט פון דרויסען און באהאנגען מיט פילע שעהנע טעפּיכער.

עס איז געווען אין דער פריה, האסאנא איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון איהר פלאַץ. איהרע קאַמער מיידלך האָבען זי געוואשען און געשמירט מיט פאַרשידענע דופטענדע איילען. איינע האָט געקאַמט איהרע האָר, א צווייטע האָט מיט אזא אויל געזוכט אויסצוגלייכען די עטליכע קנייטשען וואָס האָבען זיך באוויזען אויף האסאנא׳ס פּנים.

— איך וויים ניט וואָס צו טראכטען פון דער ציגיינערין! — האָט האסאנא זיך אָפּגערופען צו איהרע קאַמער מיידלאך. עס איז שוין באלד דריי טעג זינט זי האָט פאָראויסגעזאָגט אז דער פערסישער פּרינץ וועט צו מיר קומען, און דערווייל האָב איך נאָך פון איהם ניט געהערט.

— גנעדיגע הארינטע! — האָט איין קאַמער מיידעל געזאָגט, — ניט אלע מאָל טרעפען די ציגיינערינס.

— דו ווילסט מיר איינריידען אז די ציגיינערין האָט ניט געוואוסט וואָ סזי רעדט. ניין, דאָס איז אונמעגליך. איך האָב צו איהר מיין פולען צוטרויען. האָט זי דען ניט געטראָפען אפילו מיינע געדאנקען. יע, זי האָט מיר געזאָגט אַלעס וואָס איך טראַכט און עס איז געווען אמת! אזא צי-גיינערין ווייס וואָס ד צוקונפט וועט מיר ברייגגען און זי האָט מיך ניט גענאַרט.

— איך בין דאביי געווען ווען די ציגיינערין האָט מיט מיין הארינטע גערעדט! — האָט א צווייטע קאַמער מיידעל זיך אָפּגערופען צו האסאנא׳ן און איך האָב געזעהן אז יז האָט אלעס געטראָפען.

— דערפאַר וואונדער איך זיך וואָס איך האָב נאָך דעם פּרינץ פון פערסיען ניט געזעהען. איז עס מעגליך אז ער האָט זיך צו ריק צו זיין לאַנד אומגעקעהרט איידער ער איז אהער געקומען.

— די ציגיינערין האָט דאָך געזאָגט אז זי וועט זיך באוויזען אין איי-ניגע טעג ארו, און יעצט איז ערשט דער אָנפאנג פון דריטען טאָג! — האָט איהר די קאַמער־מיידעל באַרוהיגט.

איינער פון די קנעכט וועלכער האָט געוואַכט איבער האסאנא׳ס געצעלט

האָט אָנגעפּרעגט איינע פון די דינסטען אויב ער קען אריינקומען אינוויי־ניג צו ריידען מיט דער הארינטע.

האסאנא האָט איהם געהייסען אריינקומען.

דער קנעכט איז אריין אין געצעלט און האָט זיך א נייג געטהאָן.

— מיין הארינטע! — האָט דער קנעכט אויסגערופען. — עס איז שוין א היבשע ווײלע ווי איך האָב באַמערקט ווי א יונגער מאַן פון שעהנעם און הויכען אויסזעהען, אָנגעטהאָן אין רייכע בגדים, רייט אויף זיין פערד. ער רייט הין און צוריק ניט ווייט פון אונזערע געצעלטען. ער שטעלט זיך א ווײלע אָפּ און וואַרפט זיינע בליקען אויף דעם געצעלט פון מיין הארינטע און דאַן רייט ער ווייטער הין און צוריק.

— דאָס איז געוויס ער, דער פּרינץ פון פּערסיען! — האָט האסאנא מיט פרייד אויסגערופען — ער איז געקומען צו מיר, אזוי ווי ציגיינערין, די וואהרזאָגערין האָט פאָראויסגעזאָגט.

זי האָט געהייסען איהרע קאַמער־מיידלאך זיי זאָלען צורעכט מאַכען איהרע האָר און איהר העלפען אָנטהאָן די שעהנסטע קלייד. ווען זיי זיי־נען פאַרטיג געוואָרען, האָבען זיי צו איהר געבראַכט א שפּיגעל, האסאנא האָט זיך גוט בעטראַכט אין שפּיגעל, דאַן האָט זי זיך געווענדעט צו איינע

— זאָג דעם וועכטער ער זאָל איינלאַדען דעם יונגען פּרינץ צו מיר פון איהרע קאַמער־מיידלאך:

פערלאָזען מיין געצעלט אזוי שנעל ווי דער פּרינץ פון ערפּסיען וועט ארי-בערטרעטען מיין שוועל.

דוד אלראי האָט נאָך אַלץ גערייטען אויף זיין פערד הין און צוריק. ער האָט געוואַרט אויף דעם מאַן אז מען זאָל איהם באַמערקען און מעלדען האסאנא׳ן. ער האָט געוואוסט אז אזוי שנעל ווי זי וועט זיך דערוויסען אז ער געפינט זיך ניט ווייט פון איהר, וועט זי איהם איינלאַדען צו זיך.

ע רהאָט טאַקע באַלד דערזעהן ווי איינער פון איהרע מענשען דער-נעהענטערט זיך צו איהם, פערנייגט זיך און רופט אויס:

— אָ, גנעדיגער פּרינץ פון פּערסיע! מיין הארינטע, די גוטע און נאָבעלע האסאנא לאַדעט דיך איין זי צו באַזוכען אין איהר געצעלט.

אלראי איז ארונטער פון פערד און געהייסען האסאַנא׳ס קנעכט ער זאָל אויף איהם אכטונג געבען, און דאַן איז ער גלייך געגאַנגען צום געצעלט. צוויי דינער האָבען פאַר איהם ברייט אָן עפען געטהאָן דעם אריינגאַנג פון געצעלט און דוד איז געבליבען שטעהן אין געצעלט נעבען האסאַנא׳ן.

— זאָל דער גאָט פון ליכט שטענדיג דיין וועג באַלייכטען! — האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר איהר, אויסרופענדיג אין דער פּערסישער שפּראַך.

— ווילקאָמען, דרווירדיגער פּרינץ פון פּערסיען! — האָט זי אויסגע-שטרעקט איהר האַנט וואָס איז געווען באַדעקט מיט גאָלדענע בראַנזלעטען און רינגען איינגעפּאַסט אין דיאַמאַנטען.

דוד האָט אָנגענומען איהר האַנט און זי לאַנגזאַם צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען.

די קאַמער מיידלאך האָבען איינציגווייז פאַרלאָזען דעם געצעלט אי־בערלאָזענדיג זייער הארינטע און דעם גאַסט אליין.

— איך האָב דיך ערוואַרטעט, נאָבעלער פּרינץ! — האָט האַסאַנאַ געזאָגט און איהם אָנגעדייטעט צו זעצען זיך נעבען איהר אויפ׳ן דיוואַן.

דוד האָט זיך אָװעקגעזעצט און קוקענדיג אויף איהר מיט זיינע אויגען האָט ער זיך אָפּגערופען:

— דו האָסט מיך ערוואַרטעט? פון וואַנען האָסטו געוואוסט אז איך וועל צו דיר קומען?

— ווען דו ביזט דעם ערשטען מאָל פערבייגעגאַנגען און מיך באַגריסט אויסרופענדיג מיין נאָמען, האָט זיך דיין געשטאַלט אין מיין מוח איינגעקריצט. און ביינאַכט איז מיר א מלאך אין חלום געקומען און געזאָגט אז דו וועסט צו מיר קומען און מיין וועגווייזער ווערען. דו וועסט ווערען מיין באַשיצער און דיר וועל איך קענען אָנפאַרטרויען מיין פאַרמעגען. איך בין געוועזן זיכער אז די רייד פון מלאך וועלען פאַרווירקליכט ווערען און איך האָב אויף דיר געוואַרט און דו ביזט ווירקליך געקומען.

—איך ווייס ניט ווי אזוי דאָס צו ערקלערען! — האָט דוד אלראַי געשמייכעלט אַרויסווייזענדיג צוויי רייהען ווייסע ציין — עפּעס האָט מיך צו דיר געצויגען, ווען איך בין צום ערשטען מאָל דיינע געצעלטען פאַרבייגעריטען און דיך דערזעהן, האָט אין מיר מיין האַרץ א צאַפּעל געטהאָן.

—זאָג מיר, איך בעט דיך, פון וואַנען האָסטו געוואוסט מיין נאָמען? איך געדענק אז דו האָסט מיין נאָמען אויסגערופען ווען דו האָסט מיך באַגריסט.

— דיין נאָמען איז אזוי שעהן ווי דיין פּנים! איך קען זיך אליין קיין ערקלערונג ניט געבען ווי אזוי דיין ריכטיגער נאָמען איז אויף מיינע ליפּען אַרויפגעקומען. דאָס בעווייזט אז דו און דיין נאָמען זיינען איינס.

— יעצט דערצעהל מיר פון זיך! — האָט האַסאַנאַ מיט א שמייכעל זיך צו איהם געווענדעט — זאָג מיר דיין נאָמען.

— ניט פיעל קען איך דיר פון זיך דערצעהלען! — האָט דוד געזאָגט און דערווייל געטראַכט וואָס פאַר א נאָמען אָנצוגעבען. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן דעם הויפּט פון זיין געבורט-שטאָדט אמאַדיא, ער געדענקט זיין נאָמען איז געוועזן זין־עדין, או ער האָט באַשלאָסען אָנצוגעבען זיך פאַר האַסאַנאַ׳ן מיט דיעזען נאָמען. יאָ, איך גלויב קוים אז די געשיכטע פון מיין לעבען וועט דיר, ווירדיגע האַסאַנאַ, פאַראַנטערעסירען, ווייל ווי איך דערקען אָן דיין נאָבעלער נשמה קענסטו ניט נאָר ניט —? ?
דערקען אָן דיין נאָבעלער נשמה קענסטו ניט נאָר ניט צוזעהן מלחמות און בלוט פאַרגיסונגען, אָבער דו קענסט אפילו ניט פאַרליידען צו הערען פון דעם, און די געשיכטע פון מיין לעבען איז איינגעטונקט אין בלוט פון אונזערע שונאים, אין מלחמות און פירכטערליכע קעמפּפען וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכען דורך די ווייניגע יאָהרען פון מיין לעבען.

— אָה, איך בעט דיר, דערצעהל מיר אלע איינצעלהייטען פון דיין לעבען, איך האָב שטאַרק ליעב צו הערען די געשיכטעס פון גרויסע העלדען פון זייערע קאַמפּפען. זאָג מיר ווער דו ביזט און דערצעהל מיר אלעס.

— מיין נאָמען איז זין־עדין — האָט אלראַי געזאָגט — מיינע אור-עלטערען זיינען געוועזן די הערשער פון פּערסיען, און האָבען געפיהרט

מלחמות געגען זייערע שונאים, וועלכע האָבען געזוכט צו פּאַרשלינגען פּערסיע, זיי זיינען געווען אַ סך גרעסער און מעכטיגער פון אונז, און דאָך האָט זיי לאַנג גענומען ביז וואַנען זיי האָבען געקענט אונז באַזיעגען. איך בין נאָך דאַן אַ קליין קינד געווען און איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג וואונדערבאַרע זאַכען פון דער העלדישקייט וואָס מיינע עלטערען האָבען אַרויסגעציינט געגען די שונאים. איך ווייס אַז זיי האָבען אונזער הייליגען טעמפּעל פּאַרברענט און אונזער הויפּטשטאָדט חרוב געמאַכט און פּאַרוויסטעט אונזער לאַנד, איך האָב געשוואוירען נקמה צו נעהמען פון אונזערע שונאים, פּיעלע פון מיינע ברידער וועלכע זיינען גרויסע העלדען וועלען צוזאַמען מיט מיר קעמפּפען געגען די שונאים וועלכע האָבען אונזער לאַנד פּאַרכאַפּט, און דאַן ווען מיר וועלען זיי פון אונזער לאַנד פּאַרטרייבען וועל איך באַשטייגען דעם טראָהן פון מיינע עלטערען און ווידער וועט פּערסיען האָבען אַ קעניג וועלכער שטאַמט פון דער אַלטער קעניגליכער משפּחה.

דוד האָט דערצעהלט האסאנאַ'ן פּיעלע געשיכטעס פון פּערסיען, אָבער אין זינען האָט ער געהאַט די געשיכטעס פון זיין אייגען פּאָלק און פון ירושלים. ער האָט גלייך איינגעזעהן אַז דיעזע פרוי, וועלכע קען פּאַררעכענט ווערען פּאַר די רייכסטע צווישען די רייכסטע, איז זעהר אומוויסענד, און וואָס ער וועט איהר דערצעהלען וועט זי אָננעהמען פּאַר אמת. דאַריבער האָט ער איהר דערצעהלט וואָס מעהר און זי האָט יעדען וואָרט וואָס איז פון זיין מויל אַרויסגעקומען געשלונגען.

— דו ביזט די איינציגע וועמען איך פּאַרטרוי מיין סוד! — האָט דוד פּאָרטגעזעצט — איך האָב שוין אָנגעזאַמעלט אַ גרויסע אַרמעע וועלכע האַלטען זיך אויף אין די בערג און איך זאַמעל אָן גענוג וואַפּען, און אַזוי שנעל ווי איך וועל זיין גרייט וועל איך מיט דער אַרמעע פּעהן אויף פּערסיען און צוריקשטעלען די אַמאָליגע קעניגרייך. אָבער איך בעט דיר, דו זאָלסט דעם סוד האַלטען פּאַרבאָרגען אין דיין האַרצען, און ווען איך וועל באַזיגען די שונאים פון מיין פּאָלק וועל איך דאַן פּאַרלאַנגען אַז דו זאָלסט זיך מיט מיר די הערשאַפט טהיילען.

— איך? ! — האָט זי אויסגערופען מיט ערשטוינונג — ווי אַזוי קום איך זיך צו טהיילען מיט דיר, דיין טראָהן אין פּערסיען.

— נאָך מיט אַ צייט צוריק, ווען איך האָב דורכגעריטען דורך אַ קליינעם וועלדעל, איז צו מיר צוגעקומען אַן אַלטער מאַן, ער איז געווען אַ שטערנזעהער און האָט אויף מיר אַ ווייל̈ע געקוקט און דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איך זעה אָן די שטערען פון הימעל אז דו ווערסט ווערען א הערשער איבער א גרויסער מדינה, דו וועסט ווערען באַריהמט אין אַלע לענדער און פּאָרשטעהער פון פּיעלע פעלקער וועלען קומען דיר אָפּגעבען כבוד. מיין עצה איז אז דו זאָלסט קומען אין באַגדאַד, דאָרטען וועסטו טרעפען א פרוי וועלכע איז דורך די שטערען באַשטימט געוואָרען צו טהיילען מיט דיר דיין מלוכה! זי וועט זיין א גרויסע הילף צו דיר, דער שטערנזעהער האָט פּאַר מיר אויסגעמאָהלען דעם אויסזעהן פון דער פרוי און ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהען, האָב איז זיך דערמאָהנט אָן די

רייך פון דעם שטערענזעהער, דו האָסט געשיינט צו זיין די פרוי לויט דיין אויסזעהען און ווי איך דערמאָהן זיך איצט האָט יענער שטערענזעהער אויך דיין נאָמען אָנגערופען. יעצט קען איך ערקלערען ווי אזוי איך האָב דיין נאָמען אויסגערופען ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהען!

— אָה, ווי וואונדערבאַר דיינע רייד קלינגען אין מיינע אויערען! — האָט האסאנא מיט באַגייסטערונג אויסגערופען — יעצט זעה איך אז דער מלאך וועלכער האָט זיך צו מיר אין חלום בעוויזען און מיר וועגען דיר גע־זאָגט אז דו וועסט מיר ברייגגען גליק, איז געווען גערעכט, איך בין גליק־ליך אז דו ביזט צו מיר געקומען און איך בין גרייט דיר צו העלפען מיט מיין רייכטום, זיי וויסען אז איך באַזיץ גרויסע אוצרות, מיין גאָלד איז פיל א איך באַזיץ אזוי פיעל ציערונג אז קיין קעניגין פערמאָגט ניט אפילו צעהנט חלק פון דעם. און דאָס אלעם בעלאַנגט צו דיר. דו וועסט קענען זיך בענוצען מי טדעם ווען דו וועסט וועלען, כדי צו פערווירקליכען דיין שטרעבונג.

— איך דאנק דיר זעהר פאר דיין גוטהערציגקייט און גנעדיגקייט! — האָט דוד אָנגענומען איהר האַנט או זגעוואָלט צוטראָגען צו זיינע ליפּען, אָבער האסאנא האָט איהרע ליפּען אויסגעשטעלט, און געגען זיין ווילען, האָט דוד איהר א קוש געטהאָן אויף איהרע ליפּען.

— אָה וואָס פאר א הימלישער גענוס! — האָט זי אויסגערופען מיט פרייד — דו ביזט געקומען און אין מיין לעבען אריינגעבראכט פרייד און גליק, וואַרט א ווײלע, גנעדיגער פּרינץ, איך וועל דיר עפּעס ווייזען.

האסאנא האָט אריינגעשטעקט איהר האנד אונטער דער זיידענער קי־שען און פון דאָרטען ארויסגענומען א קעסטעלע, זי האָט די קעסטעלע אויפגעעפענט מיט א גאָלדענעם שליסעלע און פאר דוד'ס אויגען האָבען א בליאסק געטהאָן בריליאַנטען און דיאמאנטען וואָס זיינען געווען איינגע־פאסט אין גאָלדענע האלזבאנדען או רינגען.

— נעהם, מיין ליבער פּרינץ, נעהם וויפיעל דיין הארץ גלוסט! — האָט זי צו איהם געזאָגט — ווייל אלץ וואָס איך פערמאָג וועל איך זיך מיט דיר טהיילען. צו יעדער צייט קענסטו אהער קומען, איך וועל דיר שליס־לען צו אלע מיינע שראנקען געבען, מיין רייכטום איז אויך דיין רייכטום, דו וועסט קענען נעהמען וויפיעל געלד דו וועסט ברויכען אויפצוהאלטען דיינע בראווע העלדען, וועלכע וועלען מיט דיר געהן קעמפּפען געגען דיינע שונאים. איך וועל מיט מיינע קנעכט און דינסטען מיטרייזען פון הינטען און ווען דיין ארמעע וועטזיך נויטיגע אין עפּעס וועט עס צוגעשטעלט ווע־רען צו זיי דורך מיינע קנעכט. נעהם, איך בעט דיר, נעהם וואָס דיין הארץ גלוסט אלס צייכען פון גליק און פון מיין איבערגעבענהייט צו דיר, איך וויים אַז איך בין א סך עלטער פון דיר, און דו ביזט יונג און שעהן, אָבער דו זעהסט דאָך אז מיר זיינעןביידע בעשטימט פון הימעל איינע פאר'ן צווייטען, און אלעם וואָס איך באַזיץ, באַלאַנגט אויך צו דיר.

— ניין, איך קען פון דיר גאָר ניט נעהמען! — האָט דוד זיינע אויגען ניט ארונטערגענומען פון דער קעסטעלע מיט קאָסטבארע ציערונג.

— איך בעט דיך, ענטזאג זיך ניט צו נעהמען פון מיר, דאָס וועט

זיין בלויז אלס צייכען אז דו וועסט זיך מיט מיר אלעס טהיילען.

— נו, אויב דאָס וועט דיר מאַכען גליקליך, וועל איך דיין פארלאנג ערפילען — האָט דוד אָנגענומען א הויפען מיט ציערונג און ארייננעטהאָן אין זיין קעשענע — עס איז מיר זעהר אנגענעהם צו וויסען אז דו האָסט צו מיר אַזוי פיעל צוטרויען. איך וועל דיר מאָרגען אַ צווייטען מאָל באַזוכען.

— איך וועל אויף דיין באַזוך מיט גרויס אומגעדולד ווארטען! האָט האסאנא געזאָגט — איך ווינש דיר גליק אַז דו זאָלסט זיין ערפאָלגרייך אין צוריקגעווינען דיין קעניגרייך וואָס איז פון דיינע אורעלטערען אוועקגענו־מען געוואָרען דורך די שונאים פון דיין פאָלק.

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט, ער האָט אָנגענומען איהר האנט און זי צוגעטראָגען צו זיינע ליפען, ער האָט זיך העפליך פערנייגט און איז ארויס פון געצעלט. ער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין פערד און איז פון דאָר־טען שנעל אוועקגעריטען.

א צופרידענער האָט דוד ארויסגענומען די ציערונג פון זיין קעשענע, און זיי באַטראַכט, די ווערדע פון זיי איז זעהר גרויס. עס וועט איהם דער־ווייל צונוץ קומען. ער וועט האָבען גענוג געלט אויסצוהאַלטען זיינע יונגען און אויך זיך איינשאַפען געוועהר.

א פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיין קערפער, יעצט זעהט ער ווירק־ליך אז ער וועט זיין ערפאָלגרייך אין זיין אונטערנעמונג. קיין געלד וועט איהם שוין ניט פעהלען, ער וועט בלויז דארפען געווינען אויף זיין זייט די אידען וועלכע זיינען צוזייט און צושפרייט אין די גלות לענדער, יאָ, ער וועט דארפען געווינען זייער צוטרויען, און דאָס וועט ער קענען טהאָן בלויז ווען ער וועט זיי אויפווייזען אז די צייט פון דער גאולה האָט זיך דערנע־הענטערט און אז ער איז פון גאָט בעשטימט געוואָרען צו זיין זייער אויס־לייזער, דער משיח וועלכער שטאַמט פון דוד המלך.

ער האָט א ווייליע אָפּגעשטעלט זיין פערד און גענומען טראכטען וואו־הין ער זאָל יעצט געהן, זאָל ער גלייך אוועקגעהן צו זיין געצעלט, דאָרטען וועט ער טרעפען די שעהנע שרה'ן, ווען ער האָט א טראכט געטהאָן וועגען שרה'ן האָט זיין הארץ א צאַפּעל געטהאָן. זי איז אַזוי שעהן און איידעל, זי איז אויך פיעל געלערענט אין אידישקייט. זי ווייס אַלעס וואָס דער תלמוד זאָגט און וואָס די גרוסע חכמים האָבען געשריבען, זי איז אויך זעהר פרום און זי וועט זעהר פאסען צו זיין די פרוי פון דעם אויסלייזער פון די אידען.

דוד אלראי האָט פון קעשענע נאָך אַמאָל ארויסגענומען די ציערונג און באַטראַכט יעדע שטיקעל באַזונדער. ער האָט געזעהען דעם שעהנעם גאָלדענעם האלזבאַנד וואָס איז געווען איינגעפאַסט אין בריליאנטען, און די רינגען און בראָנזלעטען. ער האָט זיך גענומען פאָרשטעלען. ווי שעהן דאָס וועט אויסקוקען אויף שרה'ס האלז. ניין, דאָס וועט ער ניט פאַר־קויפען, ער וועט קומען אין געצעלט, ער וועט אויסמאַקירען צו בלייבען אליין מיט שרה'ן. ער וועט איהר איבערגעבען די ציערונג, ער וועט אליין דעם האלזבאַנד ארויפטהאָן אויף איהר האלז. ער וועט אָנריהרען מיט זיינע הענט איהר קלאָהרען ווייסען האלז, דאַן וועט ער איהר זאָגען גאַנץ אָפען

אז זי איז באַשטימט צו זיין די פרוי פון דעם אויסלייזער פון די אידען, ער וועט פיירען די חתונה מיט שרה'ן אין דער הייליגער שטאָדט ירושלים. דאָרטען וועלען זיי ביידע געהייליגט ווערען. און פון דאָרטען וועט ער צוזאַמען מיט איהר צוריק רייזען צו די בערג וואָס זיינען אין דעם געגענד פון באַגראַד, דאָרטען געפינען זיך די אידישע העלדען, וועלכע וואַרטען אויף זיין רוף. מיט דעם געלט וואָס ער וועט אַרויסקריגען פון האסאנא'ן וועט ער קענען איינשאַפען אַלע וואַפען וואָס ער וועט געברויכען, און דאַן וועט ער קריגען די הילף פון די אידען וועלכע געפינען זיך אין די אַנדערע לענדער, זיי וועלען ענטפערען זיין רוף און טויזענדער וועלען זיך אַנשליסען אין זיין אַרמעע און ער וועט זיי פיהרען אין קאַמף געגען די שונאים, די שטרויכלונגען פון זייער וועג וועלען זיי אַרונטערנעהמען. קיינער וועט זיך ניט וואַגען זיי געגענצושטעלען. ער וועט מאַרשירען מיט זיינע העלדען אויף בערג און דורך טהאָלען, ביז וואַנען זיי וועלען דערגרייכען די טויערען פון ירושלים. ער וועט איינגעהמען די שטאָדט מיט שטורעם און דאָרטען געקרוינט ווערען ביי אַלע זיינע נאָכפאָלגער אַלס דער מלך המשיח.

מיט די געדאַנקען האָט זיך דוד אלראי דערנעהענטערט צו זיין געצעלט. זיינע יונגען וועלכע האָבען אויף איהם אונגעדולד געוואַרט, זיינען צו איהם צוגעלאָפען. זיי האָבען גלייך דערקענט פון זיין שמייכעל אַז ער איז געווען ערפאָלגרייך.

דוד איז אַרונטערגעגאַנגען פון זיין פערד. איינער פון זיינע יונגען האָט דעם פערד אוועקגעפיהרט.

ער איז אַריינגעקומען אין געצעלט און גלייך זיך נאָכגעפרעגט אויף שרה'ן.

— שרה און אַלמאַעלי זיינען אַרויס זעהן די שטאָדט! — האָט איינער פון די יונגען געענטפערט.

— און רות?

— זי איז פאַרבליבען אין געצעלט!

— איך האָב פאַר אייך גוטע נייעס מיינע געטרייע פריינד! — האָט דוד זיך אָפגערופען. — איך קום דאָס יעצט פון האסאנא. און אַלעס איז ווי איך האָב געוואונשען. האסאני טרויט מיר אָן איהר גאַנצען פאַרמעגען, צו יעדער צייט קען איך פון איהר אַרויסקריגען וויפיעל געלט איך וועל ברויכען. איך האָב באַשלאָסען אַז אַזוי שנעל ווי מיר וועלען זיך צוריקקעהרען פון ירושלים, וועלען מיר אָנקויפען גענוג געוועהר און איך וועל אָנפאַנגען צוזאַמענשטעלען די אַרמעע.

— אָה, ווי גליקליך אונזערע ברידער וועלען זיך פיהלען, ווען זיי וועלען אויסגעפינען אַז די צייט פון זייער באַפרייאונג איז געקומען. — האָט איינער פון די יונגען אויסגערופען.

— ווי די אידען פון מצרים, וועלכע האָבען געוואַרט אויף משה'ס רוף אַרויסצוגעהן פון גלות מצרים און פון זיך די קייטען פון שקלאַפעריי אַרונטערוואַרפען, אַזוי וועלען אונזערע ברידער יעצט וואַרטען אויף מיין רוף זיי פון גלות צו באַפרייען! — האָט דוד געזאָגט — אַלע וועלען מיר

נאָכפאָלגען, יונג און אַלט, מענער און פרויען. מיר וועלן מאַרשירען צו אונזער הייליג האַנד. מיט יעדען טאָג פיהל איך אין זיך די שטימע פון גאָט שטאַרקער. ער הייסט מיר געהן און צונויפזאַמלען די אידען פון אַלע לענדער וואו זיי זיינען צושפרייט און זיי אָנזאָגען די בשורה אז דער טאָג פון זייער גאולה איז נאָהענט. איך בין זייער אויסלייזער, זייער באפרייער!

מיט יראת הכבוד האָבען די יונגען געקוקט אויף זייער פיהרער, זיי האָבען אָנגעפאַנגען אין איהם צו גלויבען נאָך מעהר ווי פריהער. זיי האָבען איהם געהערט ריידען מיט אַזוי פיעל באַגייסטערונג און פייער, אז זיי האָבען אין איהם געזעהען געטליכקייט.

דוד אַליין האָט שוין אויך אָנגעפאַנגען צו גלויבען אז ער באזיצט אַן אוסערגעוועהנליכע קראַפט. די אידען וועלען אין גיכען איהם דערקענען אַלס זייער פיהרער און אויסלייזער.

— איהר זעהט! — האָט דוד אַרויסגענומען די צירונג פון זיי קעשענע און זיי געצייגט צו די יונגען — האסאנא האָט מיר געהייסען נעהמען וויפיעל איך וויל. די ווערדע פון די ציערונג איז ניט אָפּצושאַצען.

די יונגען האָבען באַטראַכט די ציערונג און אוסגעדריקט זייער באַגייסטערונג.

— דאָס וועל איך געבען אַ מתנה שרה'ן, וועלכע איז באַשטימט געוואָרען צו זיין די פרוי פון דעם אויסלייזער פון די אידען! — האָט דוד געזאָגט. — איך וועל אויף איהר וואַרטען. דערווייל וועל איך אַריינגעהן אין איהר געצעלט און זיך דורכריידען מיט איהר דינסט רות'ן.

דוד איז אַריין אין געצעלט און געטראָפען דאָרטען רות'ן זיצענדיג פאַרטיפט אין איהרע געדאַנקען.

— דו טראַכסט יעצט וועגען דיין פאָטער? — האָט אַלראַי זיך צו איהר אָפּגערופען. — ניט אמת, רות?

— יע, מיין האַר, איך טראַכט שטענדיג וועגען איהם. איך בין דאַנקבאַר צו גאָט וואָס ער האָט מיך גערעטעט. איך געפין זיך אין זיכערע הענט. אָבער ווער וויים אין וועמענס הענט מיין פאָטער איז אַריינגעפאַלען. מיין מוטער איז געשטאָרבען און מיין פאָטער האָב איך פאַרלאָרען. יעצט וואָס בלייבט מיר איבער? צו וואָס טויג מיר מיין לעבען?

— דו האָסט אַ ציעל פאַר וואָס צו לעבען! — האָט דוד אַלראַי זיך צו איהר אָפּגערופען. — איז דען דאָס ניט אַ גרויסער זכות צו זיין אַ דינסט צו דער פרוי פון משיח?

— אַ דינסט צו דער פרוי פון משיח?! — האָט רות איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— יע, אַ דינסט צו שרה'ן וועלכע וועט ווערען די פרוי פון דעם אויסלייזער פון די אידען. ניט יעדע מיידעל איז ווירדיג דערצו. שרה וועט גאָר אין גיכען ווערען די קעניגין פון יהודה. זי וועט טראָגען די גאָלדענע קרוין וואָס דוד המלך'ס פרוי, די קעניגין האָט געטראָגען. און דו, רות, וועסט שטענדיג זיין נעבען איהר.

רות איז געבליבען זיצען אויף איהר פּלאַץ אַ צוטומעלטע. זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען. זי האָט געהערט פון שרה'ן, און

ווי זי פאַרשטעהט, האָט שרה איהר מיינונג וועגען אַלראַי'ן געענדערט. זי האָט איהר אַפילו געזאָגט אַז זי וועט מיט איהם נאָך ירושלים ניט אַפּריי-זען. זי ווייס אַז שרה האָט פריהער זעהר שטאַרק געהאַלטען פון דוד'ן, אָבער ווען זי האָט אויסגעפונען וועגען זיין פּלאַן ווי אַזוי צו קריגען געלט דורך באַשווינדלען די רייכע פרוי, איז ער שטאַרק געפאַלען אין איהרע אויגען.

— פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָר ניט! — האָט דוד זיך צו איהר אָפּ־גערופען. — ביזטו דען ניט צופרידען וואָס אויף דיין גורל איז אויסגע-פאַלען צו זיין די דינסט פון דער קעניגין פון יהודה, און ווילסטו דען ניט מיטרייזען מיט אונז אין ירושלים?

— איך בין שרה'ס דינסט און וואוהין זי וועט געהן וועל איך געהן!

— האָט רות געענטפערט — איך שעם זיך גליקליך וואָס איך האָב געקראָ־גען אַזאַ האַרינטע ווי שרה איז!

— דו מעגסט וויסען אַז איך בין פון גאָט אויסדערוועהלט צו זיין דער משיח. ניט אַלע זיינען ווירדיג עס צו וויסען. עס וועט נאָך נעהמען אַ לענגערע צייט ביז וואַנען איך וועל קענען פאַר אַלעמען עפענטליך ער־קלעהרען אַז איך בין באַשטימט געוואָרען דורכצופיהרען גאָט'ס הייליגע שליחות צו באַפרייען זיין אויסדערוועהלטע פאָלק ישראל פון גלות און צוריקברענגען זיי נאָך אונזער הייליג לאַנד. היינט וועל איך שרה'ן זאָגען אַז גאָט האָט מיר ענטדעקט דאָס זי איז מיין באַשערטע. זי וועט ווערען מיין פרוי, די פרוי פון דעם מלך המשיח.

רות האָט ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען. זי האָט געהערט ווי ער רעדט אַזוינע רייד, ער איז אַזוי ערנסט און באַגייסטערט אַז אין איהר האַרצען האָט זיך אַ צווייפעל אַריינגעגנב'עט, מעגליך אַז ער איזווירק־ליך אַ הייליגער מענש און ער וועט ברייננען די גאולה פאַר די אידען. באַלד אָבער איז אויף איהרע געדאַנקען געקומען דער געשפרעך וואָס שרה און אַלמאַעלי האָבען געהאַט דעם פריהמאָרגען וועגען דוד'ן, און זי האָט דעריבער ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען. זי האָט דאָך געהערט וואָס פאַר אַ גרויסע העלדישקייט ער האָט אַרויסגעוויזען ווען ער האָט זיי גערעטעט פון אַלהוני'ן. זי זעהט אויך ווי די העלדישע יונגען מיט וועמען ער געפינט זיך, קוקען אויף איהם ווי אויף אַ הייליגען העלד, מיט אַזוי פיעל יראת הכבוד. דעריבער איז איהר דאָס געווען שווער צו באַגרייפען. זי האָט ביי זיך ניט געקענט באַשליסען ווי אַזוי איהם אָנצונעהמען. יע, זי וועט זעהן ווי שרה וועט האַנדלען. זי ווייס אַז שרה איז קלוג און באַזיצט אַ קלאָרען פאַרשטאַנד.

— איך ווייס ניט וואָס צו זאָגען, מיין האַר! — האָט רות זיך אָפּגע-רופען. — איך בין אַזוי איבערראַשט צו הערען אַזעלכע רייד. איך בין ניט ווירדיג אַז דו זאָלסט מיר אַזאַ הייליגען סוד ענטדעקען. איך האָב זעהר פיעל פון מיין זיידען, דעם דיין רבי יפת, פון עכו, געהערט וועגען משיח'ן, וועלכער וועט קומען אויסלייזען די אידען פון גלות און זיי צוזאַ־מענברייננגען פון אַלע עקען וועלט צוריק אין ארץ ישראל. אָבער אַז איך זאָל האָבען די זכיה צו זעהן משיח'ן מיט מיינע אויגען און צו רייִדען מיט איהם מויל צו מויל, וועגען דעם האָב איך קיינמאָל ניט געטרוימט.

דוד האָט באַטראַכט רות'ן. זי איז אויך געווען אַזוי שעהן און יונג. זי איז אויך גאַנץ נאַאיוו און אומשולדיג. ער האָט זיך אָפּגערופען:

— דאָס באַווייזט אַז דו האָסט אויך אַ זכות אין הימעל. דו שטאַמסט פון גרויסען יחוס, דיין זיידע איז אַ רב און דין אין ארץ ישראל. און וואָרט...

דוד אַלראַי האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט, ער האָט אַ קנייטש גע־טהאָן מיט זיין שטערען אונפאַרגלאָטשט מיט זיינע אויגען. ער האָט אויס־געזעהען ווי ער וואָלט געווען אין פאַרבינדונג מיט אַ העכערע מאַכט...

— דו ווייסט, רות, איך האָב געקראָגען אַן אָנדייטונג פון הימעל, אַז אין דער צייט, וואָס שרה איז באַשטימט געוואָרען צו זיין די פרוי פון דעם מלך המשיח, איז דאָרט אין הימעל, דיין זכות דיר בייגעשטאַנען, און איך האָב אויסגעפונען אַז מיט דער צייט וועסטו אויך האָבען אַ טייל אין מיר. דערווייל וועסטו פאַררעכענט ווערען בלויז פאַר שרה'ס דינסט, אָבער שפּעטער, ווען איך וועל עפענטליך ערקלערט ווערען אַלס דער מלך המשיח איבער די אידען פון דער וועלט, וועסטו דאַן ווערען מיין צווייטע פרוי צו שרה'ן. שרה וועט זיצען נעבען מיין רעכטער האַנט און דו ביי מיין לינקער האַנט!

דער פּנים פון רות'ן איז באַדעקט געוואָרען מיט רויטקייט. אויף דעם האָט זי זיך גאָר ניט געריכט. ער זאָל צו איהר אַזוי ריידען אין דער צייט ווען ער זוכט צו קריגען שרה'ן פאַר זיין פרוי. ער האָט יעצט אין איהרע אויגען אַ סך פאַרלאָרען. אויב זי האָט אַ ווײַלע פריהער געהאַט אַ צוויי־פעל און געטראַכט אַז ער איז ווירקליך דער באַשטימטער משיח, וועלכער וועט אויסלייזען די אידען, איז אָבער יעצט ביי איהר קיין ספק ניט אַז אין זיינע רייד איז קיין וואָרט אמת ניטאָ. ער איז אַ סך געפאַלען אין איהרע אויגען. זי איז געזעסען מיט אַרונטערגעבויגען קאָפּ און געקוקט אין אַן אַנדער ריכטונג.

דוד האָט אַרויסגענומען די ציערונג וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך און זיך אָפּגערופען:

— דו זעהסט רות, דיזער האַלזבאַנד איז איינגעפאַסט אין בריליאַנ־טען און דימאַנטען. דאָס וועט בעצירען די האַלז פון שרה'ן, אָבער אויך אָן דיר האָב איך זיך ניט פאַרגעסען. פאַר דיר האָב איך דיזען גאָלדענעם רינג. איך האָב גערעכענט דיר איהם צו געבען נאָכדעם ווי שרה וועט באַקומען איהר האַלזבאַנד, אָבער יעצט אַז זי איז ניטאָ און איך האָב דיר ענטדעקט די געהיימניס פון מיין שליחות, וועל איך דיר דיזען רינג איבער־געבען אַלס צייכען אַז דו וועסט זיין צו מיר, די צווייטע פרוי פון שרה'ן. נעהם דעם רינג און דאַמיט וועסטו זיך צו מיר דערנעהענטערען.

דוד האָט אָנגענומען איהר האַנט, און האָט געוואָלט דעם רינג אויף איהר פינגער אַרויפטהאָן.

רות האָט אָבער שנעל איהר האַנט צוריקגעצויגען.

— אָה, ניין, מיין האַר. איך בין בלויז אַ דינסט צו שרה'ן און איך קען דיין מתנה ניט אָננעהמען.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל באַוואוסט ווערען אַלס דער מלך המשיח, וועסטו זיצען ביי מיין לינקער האַנט און דו

וועסט פארדעכענט ווערען פאר איינע פון מיינע פרויען. דעריבער דארפסטו זיך ניט שרעקען און אָננעהמען פון מיר די מתנה!

— דערווייל בין איך שרה'ס דינסט און איך וועל טהאָן וואָס שרה וועט מיר הייסען! — האָט רות זיך געזוכט ארויסצודרעהען.

דוד אלראָי איז געוואָרען עטוואָס אומרוהיג. ער ווייס אז ער האָט קיינע שוועריגקייטען ניט געהאט זיך צו ערקלערען פאר דעם אויסלייזער פון די אידען, פאר זיינע ברידער גון זיין געבורטסשטאָדט אמאדיא און נאָך גרינגער איז עס איהם אָנגעקומען, ווען ער האָט פארטרויט דעם סוד צו די אידען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאלטען אין די בערג, אָבער די וועלכע קומען פון אנדערע לענדער זיינען ניט גרייט איהם צו גלויבען אזוי שנעל. ער ווייסט, אז אויך שרה איז ניט שטארק באגייסטערט פון זיין „ענט־דעקען" זיך און ערקלערען, אז ער איז דער משיח אויף וועמען די אידען ווארטען שוין אזוי פיעל יאָהרען.

ער איז אָבער זיכער, אז איהם וועט לאנג ניט נעהמען און ער וועט געווינען איהר הארץ, און דאן וועט זי איהם נאָך ארויסהעלפען, ווען ער וועט מיט איהר ארומרייזען איבער די לענדער וואו די אידען געפינען זיך און ווען זיי וועלען דערזעהן איהר שעהנעם ליכטיגען פנים, וועלען זיי קריגען נאָך מעהר צוטרוי צו איהם. זיי וועלען איינזעהן, אז זי פאסט זיך צו זיין די פרוי פון דעם מלך המשיח.

— דו ווייסט, אין אונזער היילינער תורה שטעהט געשריבען, אז שרה, די פרוי פון אברהם, האָט צו איהר מאן ארויסגעגעבען איהר דינסט הגר, כדי צוליעב דעם זכות זאָל זי אליין האָבען קינדער, און זי איז שטארק געהאָלפען געוואָרען דורכדעם, און אזוי וועט אויך פאסירען מיט דיר. שרה, וועלכע וועט גאָר אין גיכען ווערען מיין פרוי, און צוזאמען מיט מיר אָפרייזען נאָך ירושלים כדי צו קענען זיצען מיט מיר אויף דעם טראָהן פון דוד המלך. דאן וועט זי דיך, איהר דינסט אָפגעבען צו מיר, און דאריבער האָסטו א רעכט יעצט פון מיר דיעזע מתנה צו נעהמען.

רות האָט געשוויגען. זי האָט איהרע אויגען ארונטערגעלאָזען -צום באָדען.

דוד, אַן אויפגערעגטער, האָט פארלאָזען דעם געצעלט און מיט אומ־גערולד געוואָרט אויף שרה'ס צוריקקעהר. ער איז ארומגעגאנגען אין דרויסען הין און צוריק ניט ווייט פון זיין געצעלט, זיינע יונגען האָבען אויף איהם געקוקט מיט גרויס דרך ארץ. זיי האָט זיך געדוכט, אז זייער האר קומט יעצט אין פארבינדונג מיט מלאכים.

באלד זיינען שרה און איהר ברודער אלמאעלי אָנגעקומען.

דוד איז זיי אנטקעגען געגאנגען און באגריסט.

— איך האָב אייך א גוטע בשורה אָנצוזאָגען! — האָט ער זיך צו זיי אָפגערופען. — אין איינינע טעג ארום וועלען מיר זיין גרייט צו דער רייזע נאָך ירושלים. דאָרטען אויף די הייליגע קברים פון מיינע אור-עלטער זיידעס, דוד און שלמה, וועל איך מתפלל זיין, און דאן וועט אליהו הנביא פאר מיר ערשיינען און באשטימען דעם טאָג פון דער גאולה.

שרה און אלמאעלי זיינען געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער

שווייגענדיג. דוד האָט איינגעזעהן, אַז זיינע רייד האָט אויף זיי קיין איינדרוק ניט געמאַכט. ער האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרען און ווייטער געזאָגט:

— איך ווייס אַז איהר קומט פון מערב, און די אידען פון מערב זיינען ניט גענויגט צו גלויבען, כל זמן זיי זעהן ניט קיין וואונדער. דאַריבער וועל איך גאָר אין גיכען פאַר אייך צייגען אַזעלכע וואונדער, אַז איהר וועט שטוינען, זיי וועלען זיין גרעסערע וואונדער פון די, וועלכע משה האָט באַוויזען אין מצרים, און דאַן וועט איהר זיך איבערצייגען, אַז איך רייד אין נאָמען פון גאָט. געוועהנליך, די וואונדער קען איך ניט באַווייזען אין דיעזען אומריינעם לאַנד, אָבער אַזוי שנעל ווי מיר וועלען אָנקומען אין ירושלים, אונזער הייליגע שטאָדט, וועל איך די געטליכע מאַכט באַקומען און באַווייזען אַזעלכע ניסים און וואונדער, אַז די פעלקער וועלכע אונטערדריקען די אידען, וועלען זיך דערשרעקען און באַפרייען אַלע אונזערע ברידער, וועלכע וועלען מיט גרויס נצחון אַוועקמאַרשירען נאָך ארץ ישראל און דער טראָהן פון דוד וועט צוריקגעשטעלט ווערען. און יעצט שרה וויל איך מיט דיר אַליין ריידען. איך וויל דיר נאָך אַן ענטדעקונג מאַכען. קום אַריין אין דיין געצעלט.

שרה איז מיט איהם אין איהר געצעלט אַריינגעקומען. דוד האָט אַ וואונק געטהאָן צו רות'ן, זי זאָל אויף אַ ווײַלע אַרויסגעהן.

ווען זיי זיינען געבליבען אַליין, האָט זיך דוד אָבגערופען צו שרה'ן:

— ווילסטו וויסען פאַרוואָס איך האָב מיין געצעלט אויפגעשטעלט נעבען דעם געצעלט פון אלהוני'ן, וואו ער האָט דיך און דיין ברודער, אַלס זיינע געפאַנגענע שקלאַפען געהאַלטען? געוויס האָט איהר געמיינט אַז דאָס איז געווען אַ צופאַל? ניין. דאָס איז קיין צופאַל ניט געוועזן. ווען איך בין אָנגעקומען אין באַגדאַד, מיט'ן געדאַנק דורכצופיהרען מיין הייליגע שליחות, האָב איך די נאַכט אַ חלום געזעהן. אליהו הנביא איז צו מיר געקומען און מיר געזאָגט אַז גאָט, וועלכער האָט מיך, אַן אָבשטאַמער פון דוד'ס משפחה, באַשטימט פאַר דעם מלך המשיח, האָט אויך מיין כלה פאַר מיר באַשטימט, און זי וועט מיר העלפען דורכצופיהרען מיין הייליגע שליחות. איך האָב אליהו'ן געפרעגט וואו זי געפינט זיך, האָט ער מיר אָנגעוויזען אויף דיזען פּלאַץ. דאַן האָט ער מיר דערלאַנגט אַ גאָלדענע האַלזבאַנד, איינגעפאַסט מיט דימענטען און בריליַנטען און צו מיר געזאָגט:

— דיעזען האַלזבאַנד האָט געטראָגען די פּרינצעסין מיכל, די טאָכטער פון קעניג שאול און די פרוי פון דוד המלך. נעהם דיעזען האַלזבאַנד און טהו איהם אַרויף אויף דעם האַלז פון דיין כלה, און מיט דעם וועט זי געהייליגט ווערען און זי וועט זיין ווירדיג אָבצורייזען מיט דיר נאָך ירושלים, וואו איהר וועט אויף דעם קבר פון דוד המלך שטעלען אייער חופּה.

איך האָב געטהאָן ווי אליהו הנביא האָט מיר געזאָגט. איך האָב מיין געצעלט געשטעלט אויף דיעזען פּלאַץ און מיט גאָטעס הילף האָב איך דעם וואונדער באַוויזען, ווי אַזוי דיך און דיין ברודער צו רעטען. אַלע האָבען געזעהן ווי אַזוי איך אַליין האָב אלהוני'ן מיט זיינע קנעכט פאַר'ן קאַדי

געבראַכט. קיינער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז פון הימעל האָט מען מיר געהאָלפען, כדי איך זאָל קענען רעטען די, וועלכע איז באַשטימט געוואָרען צו זיין די כלה פון דעם מלך המשיח!

— מיין ברודער און איך וועלען דיר אימער דאַנקבאַר זיין פאַר דאָס, וואָס דו האָסט פאַר אונז געטהאָן! — האָט שרה געזאָגט — אָבער...

— אויב אַזוי נעהם פון מיר דיזע מתנה וואָס אליהו הנביא האָט אין מיינע הענט איבערגעגעבען, און דאַן וועלען מיר זיך גרייטען אין וועג, נאָך ירושלים!

— צום באַדויערען מיין האַר, וועל איך ניט געהן נאָך ירושלים — האָט שרה איהם געזאָגט.

— וואָס?! — האָט דוד איהר אָנגעקוקט. דו ווילסט ניט געהן מיט מיר נאָך ירושלים?! ווילסטו דען ניט ערפיהלען די אויפגאַבע וואָס איז אויף דיר אַרויפגעלעגט געוואָרען?

— איך האָב געהערט וועגען משיח'ן וועלכער דאַרף קומען אויסלייזען די אידען פון גלות און פיהרען זיי נאָך ארץ ישראל. יאָ, אַלס קליינע מיידעל, האָב איך זעהר פיעל פון דעם געהערט אין דער הויז פון רבי מימון, און זייט דאַן, האָט זיך ביי מיר געפּאַסט אין גאַנצען אַן אַנדער באַגריף וועגען משיח...

— און דו ווילסט ניט גלויבען, אַז איך בין דאָס דער משיח?! — האָט דוד אויסגערופען און דאָס בלוט איז איהם אין פּנים אריין.

— צום באַדויערען, מוז איך זאָגען ניין! — האָט שרה קאַלטבלוטיג געענטפערט. אָבער דאָך דאַרפסטו ביי זיך ניט זיין געפאַלען. אין מיינע אויגען ביזטו פאַררעכענט פאַר איינעם פון די אידישע העלדען, וועלכער וועט קענען אַ סך אויפטהאָן פאַר זיינע ברידער. אָבער בלויז דאַן וועסטו קענען ברענגען פאַר זיי נוצען, ווען דו וועסט אויפגעבען דעם געדאַנק, אַז דו באַזיצט אַ געטליכע קראַפט און אַז דו ביזט עס דער מלך המשיח!

— המ... איך זעה, דו מיינסט, אַז איך בין אַ שווינדלער און איך זוך אָבצולאַכען פון מיינע ברידער! איז שוין דוד אויפגערעגט געוואָרען.

— איך זאָג ניט אַז דו ביזט אַ שווינדלער! האָט שרה געענטפערט — איך ווייס אַז דו ביזט ערנסט און דיין וועלען צו העלפען אונזערע גע־דריקטע ברידער איז זעהר שטאַרק. און טאַקע צוליעב אָט דיזען שטאַרקען וואונש, ווערסטו פון זיך אַליין פאַרפיהרט. דו האָסט אַזויפיעל פון דעם געטראַכט, ביז וואַנען דו האָסט זיך אַליין גענומען איינרעדען, אַז דו ביזט דער ריכטיגער אויסלייזער. און אויב דו וואָלסט זיך צוגעהערט צו מיין עצה, וואָלט איך דיר געראַטהען, דו זאָלסט אויפגעבען דיזען געדאַנק, ווייל צו קיין גוטעס וועט עס דיר ניט פיהרען!

דוד אלראי'ס פּנים האָט געברענט פון צאָרן. אָבער אַנשטאָט אַרויס־צוווייזען זיין כעס האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ווי איך זעה, צוויפעלסטו אינגאַנצען אין מיינע רייד. דו גלויבסט ניט אַז אליהו הנביא האָט זיך צו מיר באַוויזען און מיר געהייסען דיך רעטען! דו גלויבסט פיליכט אויך ניט, אַז איך האָב דיך באַפרייט פון צו פאַרבלייבען אַן עוויגע שקלאַפין. דו ווילסט אויך ניט גלויבען אין דער

געטליכער מאַכט וואָס איז אין מיר אַריינגעגעבן געוואָרען, צו האָבען די מעגליכקייט אויסצוליייזען די אידען פון גלות און זיי פיהרען צו דעם לאַנד פון אונזערע אבות. אָבער איך באַשולדיג דיך ניט אין דעם. עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דו זאָלסט האָבען אַזעלכע ספקות אין דיין האַרצען. אָבער דאָס איז צוליעב דעם, וואָס דו ביזט נאָך ניט מסוגל צו פאַרשטעהן און באַגרייפען די גרויסקייט וואָס ליגט אין מיר. ערשט דאַן וועסטו אָנפאַנגען צו האָבען צוטרויען צו מיר, ווען דו וועסט מיר לאָזען אַרויפטהאָן אויף דיין האַלז דיעזען האַלזבאַנד וואָס מיכל, דוד'ס קעניגין האָט געטראָגען. יע, בלויז דאַן וועט אויף דיר אַן אַנדער גייסט קומען און דו וועסט זיך אין גאַנצען ענדערען.

דוד האָט גענומען דעם האַלזבאַנד און געוואָלט אַרויפטהאָן אויף איהר האַלז, אָבער שרה האָט זיך פון איהם אָפּגערוקט.

— שרה, דו געטליכע בלום! — האָט דוד אויסגערופען — דו וועסט דאָך מיר לאָזען אַרויפטהאָן אויף דיין האַלז די מתנה וואָס איז פאַר דיר באַשטימט געוואָרען פון אליהו הנביא!

— איך וואונדער זיך אויף דיר דוד — האָט שרה געלאַסען געזאָגט — דו האָסט אין אָנפאַנג אויף מיר און מיין ברודער געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק, מיט דיין מעכטיגען וואונש צו העלפען די אידען. מיר האָבען ביידע אין דיר געזעהן די פאַרקערפּערונג פון אַמאָליגע אידישע העלדען, אָבער דיינע האַנדלונגען ריידען אַנדערש וועגען דיר! ווען דו קומסט און ווילסט מאַכען די רייכע פרוי האסאנא פאַר „אליהו הנביא", איז עס ניט נאָר אַן אומרעכט, נאָר אויך אַ פאַרשוועכונג און לעסטערונג פאַר אונזער הייליגטום. איך בין שטאַרק ענטוישט אין דיר, דוד!

דוד'ס פּנים איז נאָך רויטער געוואָרען. ער איז געבליבען ווי אַ צוטומעלטער. אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט געריכט... איהם איז גאָר ניט איינגעפאַלען אַז שרה וועט עס פאַרבינדען מיט דעם, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק פאַר איהר און איהר ברודער ערקלעהרט זיין פּלאַן מיט דער „ציגיינערין". יע, זי ווייס שוין ווי אַזוי ער האָט דעם האַלזבאַנד געקראָגען. ער איז אין איהרע אויגען שטאַרק געפאַלען... ער האָט זיך באַנאַרישט. איצט וועט זי איהם שוין מעהר ניט גלויבען, סיידען ער וועט איהר קענען באַווייזען אַ „וואונדער". בלויז דאַן וועט זי צוריקקריגען איהר צוטרוי צו איהם. אָבער וואָס פאַר אַ וואונדער קען ער איהר באַווייזען, אַז זי זאָל עס ווירקליך פאַררעכענען פאַר אַ וואונדער און איהם גלויבען?

שווייגענדיג האָט ער פאַרלאָזען שרה'ס געצעלט. ער האָט איינגעזעהן, אַז עס וועט זיין פאַר איהם אַ סך בעסער אויב ער וועט דעם האַלזבאַנד פאַרקויפען. ער דאַרף עס ביי זיך מעהר ניט האָבען.

ער איז אַוועק צו דעם פּלאַץ, וואו די ציערונג הענדלער קומען זיך צונויף. דאָרט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז נאָר וואָס זיינען אָנגעקומען פון מצרים אידישע סוחרים פון ציערונג און קאָסטבאַרע שטיינער. ער איז אַריבער צו זיי און איז מיט זיין אַריין אין אַ געשפּרעך. ער האָט זיי אויסגעפרעגט ווי אַזוי די אידען לעבען אין מצרים.

די אידישע סוחרים זיינען געווען גאַנץ צופרידען ווען זיי האָבען אין

באגראד געפונען איינעם פון זייערע ברידער. זיי האָבען מיט איהם פאַר־בראַכט און דאַן האָט ער זיי געוויזען דעם גאָלדענעם האַלזבאַנד. די סוחרים האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו אַמפּערען וועגען דעם. יעדער איינער האָט עס געוואָלט קויפען פאַר זיך, ווייל זיי האָבען אין דעם געזעהן אַ גרויסען ריוח (רעוואַך).

— לאָמיר זיך פאַרלאָזען אויף דוד'ן — האָט איינער פון די סוחרים זיך אָפּגערופען.

— דוד'ן! פון וואַנען ווייסט איהר מיין נאָמען? — האָט דוד אַלראַי זיך צו זיין געווענדעט.

— איז דיין נאָמען אויך דוד? — האָט אַ סוחר איהם געפרעגט.

— האָט איהר דען ניט געמיינט מיך, ווען איהר האָט געזאָגט דוד? — האָט אַלראַי געפרעגט.

— ניין! מיט אונז איז מיטגעפאָהרען אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען דוד, ער איז דער אינגערער זוהן פון רבי מימון און אַ ברודער צו דעם רמב"ם, וועלכער איז איינער פון די גרעסטע אידישע געלערענטע! ער געפינט זיך ניט ווייט פון דאַנען. אָט וועלען מיר איהם צורופען. ער איז אויך זעהר קלוג און אויך זעהר געלערענט.

— וואַרט! — האָט דוד אויסגערופען — איך האָב חרטה. איך וויל דעם האַלזבאַנד איינגאַנצען ניט פאַרקויפען. איך וויל זיך פריהער גוט מישב זיין. איך וועל זיך צו אייך אומקערען. איהר וועט דאָך דאָ געוויס פאַרבלייבען עטליכע טעג, וועלען מיר זיך נאָך זעהן.

אַלראַי האָט פון זיי אָפּגעטראָטען, איבערלאָזענדיג די סוחרים ענ־טוישטע. ער איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, און נאָכהער האָט ער זיך אומגעקערט אַזוי, אַז די סוחרים זאָלען איהם ניט באַמערקען, און איז געגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו די סוחרים האָבען איהם געזאָגט, אַז דוד בן מימון געפינט זיך דאָרט. ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און באַטראַכט די מענשען, וועלכע זיינען דאָרט געשטאַנען. עס איז איהם ניט שווער אָנגעקומען אויסצוגעפינען ווער דוד איז. ער איז געווען דער אינגסטער פון די אַנדערע סוחרים.

אַ גוטער געדאַנק איז איהם איינגעפאַלען. ער וועט איצט האָבען אַ געלעגענהייט צו באַווייזען אַ וואונדער פאַר שרה'ן. ער ווייס, אַז שרה איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער משפּחה פון רבי מימון, וועלכע קומען פון קאָרדאָווא, דיזעלבע שטאָדט פון שרה'ן. ניט איינמאָל האָט ער גע־הערט מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג זי רעדט וועגען דער משפּחה פון רבי מימון. און ווען ער זאָל צו איהר קומען און איהר ערקלעהרען, אַז אַ זוהן פון רבי מימון געפינט זיך איצט אין באַגדאַד, וועט זי זיך שטאַרק דערפרעהען. ער וועט איהר זאָגען, אַז מימון'ס זוהן געפינט זיך דאָ, און ווען זי וועט אויסגעפינען אַז עס איז אמת, וועט ער צוריקגעווינען איהר צוטרויען. ער האָט זיך שנעל צוריקגעקערט צו זיין געצעלט. ער האָט ניט געוואָלט אַז שרה זאָל וויסען, אַז ער איז געווען אַוועקגעגאַנגען פאַר אַ ווײַלע. ער האָט געהייסען זיינע יונגען איהם איבערלאָזען אַליין און ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף זיין געלעגער.

באַלד האָט ער אַ רוף געטהאָן איינעם פון זיינע יונגען און איהם געזאָגט:

— געה אריין אין געצעלט פון שרה'ן און זאָג אין מיין נאָמען, אז זי, איהר ברודער און רות זאָלען אין מיין געצעלט אריינקומען.

דער יונג האָט אזוי געטהאָן, און אין א ווײלע ארום זיינען שוין אלמאעלי, שרה און רות געווען אין אלראַי'ס געצעלט.

— זעצט זיך, איך בעט אייך! — האָט דוד אויסגערופען — איך האָב אייך זעהר וויכטיגעס צו דערציילען.

שווייגענדיג האָבען זיך אַלע צוגעזעצט.

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און געזאָגט:

— איך בין א קליינע ווײלע אויף מיין געלעגער געלעגען, האָב איך פּלוצלונג דערהערט די שטימע פון א מלאך פון גאָט רעדט צו מיר. „אין באגדאד איז נאָר וואָס אָנגעקומען א וויכטיגער גאַסט פון מצרים, א זוהן פון רבי מימון!"

— וואָס?! — האָט שרה אויסגערופען — א זוהן פון רבי מימון!

— יע, א זוהן פון רבי מימון! — האָט אלראַי ווידערהאָלט.

— וועלכער זוהן?! — האָט שרה זיך ניט געקענט באהערשען — רבי מימון האָט געהאַט צוויי זיהן!

— דאָס האָט מיר דער מלאך ניט געזאָגט. אָבער וואַרט צו א ווײלע. איך וועל מתפלל זיין צו גאָט, און מעגליך, אז ער וועט מיר מגלה זיין ווער דאָס איז.

אלראַי האָט זיך אומגעקעהרט צום ווינקעל פון געצעלט, און מיט זיינע אויגען פאַרגלצט און עפּעס ארויסגעמורמעלט.

אין געצעלט האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. שרה'ס הארץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. אויב עס זאָל זיין אמת, וועט זי זיך שעצען זעהר גליקליך.

אין א ווײלע ארום האָט אלראַי א דרעה געטהאָן זיין קאָפּ און זיך צו שרה'ן געווענדעט:

— דער מלאך איז נאָך אַמאָל מיט מיר אין פאַרבינדונג געקומען. ער האָט מיר געזאָגט, אז דער אינגערער זוהן פון רבי מימון, וועלכער טראָגט דעם זעלבען נאָמען ווי איך, איז אָנגעקומען אין באגדאד!

— ווען עס זאָל נאָר אמת זיין?! — האָט שרה זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער.

— צווייפעלסטו דען אין די רייד פון מלאך! ניין, שרה, דו זינדיגסט מיט דיינע ליפּען. ווען דו וואָלסט ניט ארויסגעוויזען קיין צווייפעל, וואָלט איך אליין מיט דיר געגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו דער מלאך האָט מיר אָנגעוויזען. איצט אָבער, קען איך דאָס ניט טהאָן. עס וועט זיין די אויפגאַבע פון דיר און דיין ברודער עס אויסצוגעפינען, און דאַן וועסטו מעהר ניט צווייפלען אין די רייד פון גאָט!

— המ... איך האָב ניט געצווייפעלט אין גאָט'ס רייד — האָט שרה ארויסגעשטאַמעלט. — איך האָב...

זי האָט איהם געוואָלט זאָגען, אַז זי האָט געצווייפעלט אין זיינע רייד,

אָבער זי האָט עס ניט געטהאָן.

— איך פארשטעה! — האָט דוד מיט א ברוגז'ע שטימע ארויסגעזאָגט — דו האָסט קיין צוטרוי ניט צו מיינע רייד. גוט, איצט וועסטו זיך איבערצייגען. דו וועסט דאן זעהן, אז איך האָב דיר קיין ליגען ניט געזאָגט, און דו וועסט זיך ארומזעהן, אז איך בין ניט גלייך צו אנדערע מענשען פון בלוט און פלייש, און אז אין מיר געפינט זיך געטליכקייט.

— אָבער ווי אזוי וועלען מיר איהם קענען געפינען אין אזא גרויסער שטאָדט ווי באגדאד? — האָט אלמאעלי געזאָגט. — ווען רבי מימון האָט קארדאווא פארלאָזען איז דוד, זיין אינגערער זוהן געווען נאָך גאָר א קליין קינד און פאר אונז וועט זיין אוממעגליך יהם צו דערקענען.

— אזוי לאנג ווי איהר ווייסט זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין פאָטער, וועט איהר איהם קענען אויסגעפינען. ער איז געווים אהער געקו-מען צוליעב האנדעל, און אלץ וואָס איהר דארפט טהאָן איז זיך צו זעהן מיט די סוחרים, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין באגדאד פון אנדערע לענדער, און פון זיי וועט איהר אויסגעפינען.

— לאָמיר געהן איהם אויפזוכען — האָט אלמאעלי זיך אָפגערופען צו שרה'ן, און דו אויך, רות, דו וועסט העלפען איהם אויפזוכען. איהר געהט ביידע אהין אין אייער געצעלט און טהוט אָן אייערע יום־טוב'דיגע קליידער, און איך וועל אויף אייך צוואוארטען אין דרויסען.

שרה און רות זיינען אריין אין געצעלט. שרה איז געווען אזוי אויפ־גערעגט פון דעם, וואָס אלראי האָט איהר געזאָגט. זי האָט אזוי שטארק געוואָלט אז עס זאָל זיין אמת, און כאָטש זי האָט אינגאנצען איהר צוטרוי צו אלראָי'ן פארלאָרען, האָט איהר דאָך דאָס הארץ געזאָגט, אז דיזען מאָל האָט ער זי ניט גענארט.

זי איז מיט רות'ן באלד ארויסגעקומען און צוזאמען מיט אלמאעליי'ן זיינען זיי אוועק צו דעם מארק־פלאץ, וואו די פארשידענע סוחרים קומען זיך צונויף. זיי האָבען געזעהן פילע סוחרים, וועלכע זיינען געקומען פון פארשידענע לענדער, זיי האָבען זיך נאָכגעפרעגט אויף די סוחרים, וועלכע קומען פון מצרים. מען האָט זיי אָנגעוויזען אויף איינינע סוחרים, אָבער יענע זיינען קיין אידען ניט געווען. זיי האָבען זיך ביי זיי נאָכגעפרעגט און יענע האָבען זיי אָנגעצייגט אויף א פלאץ וואו די ציערונג-הענדלער זיינען געשטאנען.

— פון זייערע פנים'ער קען איך דערקענען, אז זיי זיינען אידען — האָט אלמאעלי געזאָגט — איהר ביידע וואַרט דאָ צו און איך וועל צו זיי צוגעהן.

— מיינע הארען — האָט זיך אלמאעלי מיט זיי באגריסט, אין דער אראבישער שפראך — זייט איהר פון מצרים?

— מיר זיינען פון מצרים — האָבען זיי איהם געענטפערט.

— און ווי איך זעה זייט איהר אידען — האָט ער שוין זיך צו זיי געווענדעט אין העברעאיש.

— געווים זיינען מיר אידען, ביזטו געקומען פילייכט האנדלען מיט אונז?

— געפינט זיך פּיליכט צווישען אייך איינער פון רבי מימון'ס זיהן?

— איך בין אַ זוהן פון רבי מימון! — איז אַ יונגערמאַן צו איהם צוגעקומען.

— דו ביזט... עה...

— מיין נאָמען איז דוד!

— דוד! — האָט אלמאעלי אויסגערופען מיט פרייד — און וואָס מאַכט דיין ברודער משה און דיין שוועסטער שפרה? און דיינע עלטערען, וואָס מאַכען?

— פרידען איז צו זיי! — האָט דוד אויסגערופען — אָבער זאָג מיר ווער ביזטו, פון וואַנען קענסטו מיין משפחה?

— מיין נאָמען איז אלמאעלי, דער זוהן פון אהרן! מיר האָבען אין קארדאָווא געוואוינט ניט ווייט פון דיין פאָטער'ס הויז.

— אָה, איצט ווייס איך ווער דו ביזט! — האָט דוד מיט פרייד אויסגערופען — דו האָסט אַ שוועסטער שרה, ניט אמת!

— יע, איך האָב אַ שוועסטער שרה — האָט אלמאעלי געענטפערט.

—ניט איינמאָל האָט מיין ברודער, וועלכער איז איצט באַוואוסט אלס דער רמב"ם, דערמאָנט דעם נאָמען פון דיין שוועסטער. ער פלעגט שטענ-דיג זאָגען, אַז זי האָט באַזעסען אַ נאָבעלע נשמה. זאָג מיר וואו געפינען זיך דיינע עלטערען און דיין שוועסטער.

— מיין פאָטער איז פארבליבען אין קארדאָווא, און איך און מיין שוועסטער געפינען זיך דאָ אין באגדאד. אויב דו וועסט צוואווארטען אַ ווייל'ע, וועל איך זי צורופען. מיין שוועסטער געפינט זיך ניט ווייט פון דאַנען. ווען מיר האָבען דערהערט אַז אַ זוהן פון רבי מימון געפינט זיך אין באגדאד, זיינען מיר שנעל אוועק דיך אויפזוכען. אָט שטעהט זי דאָרט מיט איהר פריינדין, רות. איך וועל זיי צורופען.

— ניין, איך וועל מיט דיר צו זיי צוגעהן — האָט דוד מימון זיך אָפּגערופען.

אלמאעלי איז צוגעקומען מיט דוד'ן צו דעם פּלאַץ וואו שרה און רות האָבען געוואַרט.

שרה, דערקענסט איהם? — האָט זיך אלמאעלי צו איהר אָפּגערופען.

אַ רויטקייט האָט באַדעקט שרה'ס פּנים. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם און איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטע.

— דאָס איז דוד, דער אינגערער זוהן פון רבי מימון — האָט אלמא-עלי איהם פאָרגעשטעלט, און דאָס איז רות, זי איז אַן אייניקעל פון דעם רב רבי יפת פון עכו.

— רבי יפת פון עכו! — האָט דוד מיט איבערראַשונג אויסגערופען — מיר זיינען מיט איינינע יאָהר צוריק ביי איהם געווען. מיר האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין זיין הויז. וואָס מאַכט ער רבי יפת. מיר וועלען קיינמאָל ניט פארגעסען די פריינדשאַפט, וואָס ער האָט אונז ארויסגעוויזען אין דער צייט ווען מיר האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין ארץ ישראל.

— פרידען איז צו איהם — האָט רות געענטפערט — זי האָט געזוכט

אויסצומיידען איינצעלהייטען, ווייל זי האָט געוואוסט, ווי נייגעריג שרה און אַלמאַעלי איז צו הערען פון רבי מימון'ס משפּחה.

— וואָס מאַכט דיין שוועסטער שפרה? — האָט איהם שרה געפרעגט.
אַזוי פיעל יאָהרען זיינען פאַראיבער זינט דיין משפחה האָט קאָרדאָווא פאַרלאָזען און איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון שפרה'ן. מיר זיינען געווען זעהר איבערגעגעבען איינע צו דער צווייטער, און וואָס מאַכען דיינע עלטערען און דיין ברודער, משה.

— פריידען איז צו זיי אַלעמען! — האָט דוד אויסגערופען — אָבער זאָגט מיר פון וואַנען האָט איהר אויסגעפונען אַז איך געפין זיך אין באַגדאַד.

שרה און איהר ברודער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען. זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס איהם צו ענטפערען. ווי אַזוי ווען זיי איהם עס קענען ערקלעהרען.

— איך מוז דיר זאָגען, דוד, אַז דאָס, ווי אַזוי מיר האָבען זיך דער־וואוסט פון דיין אָנקומען אין באַגדאַד איז אומפאַרשטענדליך און אומ־גלויבליך, און איך ווייס ניט ווי אַזוי עס דיר צו ערקלערען.

— דו האָסט נאָךמעהר ארויסגערופען מיין נייגעריגקייט — האָט דוד געזאָגט — איך בעט דיר דערצעהל מיר אַלץ.

אין דעם איז פאַרוויקעלט זעהר אַ לאַנגע ערצעהלונג און איידער איך וועל דיר דערצעהלען ווי אַזוי מיר האָבען אויסגעפונען וועגען דיר, וועל איך דיר מוזען דערצעהלען ווי אַזוי מיר קומען אַהער.

— מיינע אויערען זיינען בערייט אָפען. איך וויל זעהר גערען הערען פון אייך אַלץ וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט. וואָלט דעריבער פיליכט גע־ווען ראַטהזאַם, אַז מיר זאָלען געהן צו אונזערע געצעלטען און דאָרטען וועלען מיר ריידען.

— מיין געצעלט איז ניט ווייט פון דאַנען — האָט דוד זיך אָפּגע־רופען, — אויב איהר וועט ניט זיין דאַגעגען, וואָלט איך אייך איינגעלאַ־דען צו מיר.

אַלמאַעלי האָט צוגעשטימט און דוד בן מימון האָט זיי אַוועקגעפיהרט צו זיך אין געצעלט.

— פריהער דערצעהל אונז פון דיר און פון דיין משפחה — האָט אַלמאַעלי איהם געזאָגט — מיר האָבען זעהר פיעל געהערט פון די גרויס־קייט פון דיין ברודער, דער רמב"ם, און מיר פאַרשטעהען, אַז דו האָסט וויכטיגעס אונז צו דערצעהלען.

דוד האָט זיי מיט אַלע איינצעלהייטען דערצעהלט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט זינט זיי האָבען פאַרלאָזען קאָרדאָווא, ווען זיי האָבען עטליכע יאָהר ארומגעוואַנדערט אין שפּאַניע און נאָכהער אַוועק נאָך מאַראָקאָ אין פעז.

ער האָט זיי דערצעהלט ווי אַזוי זיי האָבען זיך געלעבט אין פעז רוהיג ביז וואַנען מען האָט גענומען פאַרדעכטיגען די אידען אַז זיי זיינען געטריי צו זייער גאָט.

— מיין ברודער, דער רמב"ם, האָט אָנגעשריבען אַ טרייסט בריעף צו די אידען, און פילע אידען, וועלכע האָבען שוין אויפגעגעבען די האָפענונג

אז זיי קאָנען נאָך פאַררעכענט ווערען פאַר אידען, נאָכהער ווי זיי האָבען געצוואונגענערהייד אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען, האָבען זיך אומגעקערט צום אידענטהום. דער גובערנאַטאָר פון פעז האָט זיך דערפון דערוואוסט און ער האָט געהייסען אייניגע אידען הינריכטען. עס האָט זיך פאַר די אידען אָנגעהויבען גרויסע צרות, זייער ווירדיגען רב און פיהרער רבי יהודה הכהן אבן שושן, האָט מען אויך געטויטעט.

עס איז דאָרטען אין פעז געוואָרען אַזוי שלעכט ווי אין קאָרדאָווא!

— האָט זיך שרה אָפּגערופען.

— נאָך גרעסערע צרות ווי מיר קענען זיך פאָרשטעלען! — האָט געטראָפען צו אונזערע ברידער אין פעז. און אַלס א צוגאָב איז געקומען א באַפעהל פון דעם גובערנאַטאָר פון פעז צו אַרעסטירען מיין ברודער, דעם רמב"ם. ווי עס ווייזט אוים האָט מען אויף איהם גע'מסר'ט אַז ניט נאָר היט ער אַליין אָפּ אידישקייט, נאָר אַז ער האָט פאַראורזאַכט אַז פילע אידען וועלכע זיינען שוין געוועזען געטרייע מאַכמעדאַנער זאָלען זיך צוריקקעהרען צום אידענטהום. די באַשולדיגונג געגען מיין ברודער איז געוועזען אַזאַ שטאַרקע אַז מיר האָבען שוין מעהר קיין האָפענונג ניט געהאַט אַז ער וועט געראַטעוועט ווערען. פאַר קלענערע באַשולדיגונגען האָט מען אונזערע ברידער הינגעריכטעט. אָבער גאָט איז איהם צו הילף געקומען און א דאַנק זיין פריינד אל ערב איז דעם רמב"ם'ס לעבען געראַטעוועט געוואָרען.

— אל ערב!! — האָבען שרה און אלמאעלי מיט אַמאָל אויסגערופען.

— אָה, יע, איך האָב פאַרגעסען אַז אל ערב איז אייך באַקאַנט! — האָט דוד געזאָגט. מיר האָבען עס ווירקליך פון איהם ניט ערוואַרטעט, ווייל די אַנדערע אַראַבישע פריינד פון רמב"ם וועלכע פלעגען קומען צו אונז אין הויז יעדען טאָג, האָבען אין דער צייט פון זיין נויט זיך אין גאַנצען אָפּגעווענדעט פון איהם. איך געדענק אַז ער האָט געהאַט אַן איבערגעגעבענעם פריינד מיט'ן נאָמען סאיד, וועלכער וואָלט איהם פיעלייכט געקענט טהאָן א טובה. איך בין צו איהם אַוועק און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך ביי איהם געבעטען, אָבער ער האָט מיר געענטפערט, אַז אויב דער רמב"ם וועט הינגעריכטעט ווערען, האָט ער דאָס פאַרדינט! אָבער אל ערב האָט זיין פריינדשאַפט ארויסגעוויזען און איהם געראַטעוועט.

— מיר וואונדערט זיך שטאַרק אויף איהם! — האָט אלמאעלי געזאָגט ער זאָל איינשטעלען זיין לעבען צו ראַטעווען זיינעם א פריינד!

— ער האָט זיין לעבען אין געפאַהר צוליעב דעם ניט געשטעלט! — האָט דוד געענטפערט — ער איז געוועזען פאַר'קנס'ט צו דעם גובערנאַטאָר'ס א טאָכטער און ער האָט ביי איהם געקענט גאַנץ גרינג פועל'ן.

— אל ערב איז פאַר'קנס'ט צו דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער אין פעז! — האָט אלמאעלי מיט פרייד געזאָגט.

— דעם אמת זאָגענדיג האָב איך געמיינט אַז אל ערב וועט מיר אויך ענטזאגען. ער וועט זיך ניט וועלען איינשטעלען פאַר מיין ברודער, ווייל איך האָב געמיינט אַז ער טראָגט אויף אונז אַלעמען א שנאה.

— וואָס פאַר א שלעכטעס האָט איהר איהם געטהאָן אַז ער זאָל אויף אייך א שנאה טראָגען! — האָט שרה איהם געפרעגט.

— ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז אַל ערב שטאַרק באַפריינדעט געוואָרען מיט מיין ברודער און איז געווען אָן אָפטער באַזוכער אין אונזער הויז. מיר האָבן באַמערקט אַז ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אונזער שוועסטער שפרה, און עס פאַרשטעהט זיך אַז מיר האָבן געטהאָן אַלעס ניט צו דערלאָזען אַל ערב זאָל האָבן די מינדעסטע האָפנונג זי צו קריגען. ווען ער פלעגט קומען אונז באַזוכען, פלעגט שפרה אָפּוואַרטען אין איהר צימער ביז וואַנען ער פלעגט אונזער הויז פאַרלאָזען. אָבער אַל ערב האָט געזוכט מיט אַלע זיינע מעגליכקייטען זיך מיט איהר צו טרעפען, ווייל מיין שוועסטער שפרה איז זעהר שעהן, און ער פלעגט פּלוצלונג אָנקומען צו אונז אין דער צייט ווען מיר פלעגען אַלע זיצען ארום טיש און עסען אונזער מאָלצייט. און דאַן האָבן מיר איהם געמוזט אָנדייטען, אַז אומזיסט איז זיין מיה. צו אונזער גליק האָט ער זיך אין יענער צייט שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם גובערנאַטאָר פון פעץ און זיך פאַרליעבט אין איינער פון זיינע טעכטער, און דאָס איז פאַר אונז געווען אַ צווייפאַכע טובה.

— איך בין צופרידען אַז ענדליך האָט ער געהייראַט! — האָט אַלמאַעלי זיך אָפּגערופען. אָבער דערצעהלט אונז וואָס ווייטער האָט פּאַסירט.

— דער רמב״ם איז געווען פאַרשפּאַרט אין געפענגעניש און שוין געוואַרט אויף זיין הינריכטונג, אָבער פּלוצלונג, אין מיטען דער נאַכט איז אַל ערב מיט זיין כלה, דעם גובערנאַטאָר׳ס טאָכטער צו איהם געקומען און איהם באַפרייט. זיי האָבן איהם אָנגעזאָגט אַז ער טאָר זימ מעהר מיט זיין משפחה ניט געפינען אין פעץ. און אַזוי האָבן מיר אַלע אין מיטען דער נאַכט זיך געזעצט אויף אַ שיף וואָס האָט אָבגערייזט נאָך עכו, און נאָך פיעלע וואָגלענישען און צרות האָבן מיר ענדליך דערגרייכט דעם האַפען פון עכו און אַ דאַנק די גאַסטפריינדליכקייט און גוטהערציגקייט פון דיין זיידען רבי יפת, — האָט זיך דוד געווענדעט צו רות׳ן — האָבן מיר אין ארץ ישראל געפונען רוה און פרידען. אָבער דאָס אָרימע לעבען פון ארץ ישראל, סיי גייסטיג און מאַטעריאַליש האָט ניט מעגליך געמאַכט פאַר אונז דאָרט זיך צו באַזעצען אויף שטענדיג און מיר האָבן אויסגעוואַנדערט נאָך מצרים, וואו פיעלע גרויסע געלערענטע און חכמים פון אונזערע ברידער געפינען זיך, און מיר זיינען צופרידען. מיין ברודער, דער רמב״ם ווידמעט אַ טהייל פון זיין צייט צו לערנען און שרייבען ספרים און די אַנדערע טייל פון זיין צייט ווידמעט ער צו די אָרימע קראַנקע, וועמען ער היילט אומזיסט. יע, נאָך זייענדיג אין פעץ, איז מיין ברודער באַריהמט געוואָרען אַלס גרויסער דאָקטאָר, וואָס האָט געהיילט די געפעהרליכסטע חולאת׳ן. און אַזוי ווי ער וויל פאַר זיין ארבייט קיין געלד ניט נעהמען, זיינען מיר זיך מפרנס פון דעם וואָס איך האַנדעל מיט ציערונג און קאָסטבאַרע שטיינער. אָבער אין מצרים בליהט דער האַנדעל ניט אַזוי שטאַרק, און געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיר אַריינגעגעבן אַזאַ געדאַנק צו קומען נאָך באַגדאַד, וואו איך האָב אייך געטראָפען. איך קען זיך פאַרשטעלען ווי גליקליך שפרה וועט זיך פיהלען, ווען זי וועט הערען אַז איך האָב אייך געטראָפען! יעצט בעט איך אייך מיר צו דערצעהלען אַלעס וואָס מיט אייך האָט פּאַסירט.

אלמאעלי האָט פאַר דוד'ן דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען פון זייער לעבען אין קארדאווא נאָכדעם ווי רבי מימון'ס משפחה האָט קארדאָוואָ פארלאָזען. ער האָט דערצעהלט וועגען זיין פאָטער אהרן וועלכער האָט זיך אין גאַנצען באַקעהרט צום מאַכמעדאַנישען גלויבען און אויך זיי געוואָלט מאַכען פאַר מאַכמעדאַנער. צוליעב דעם צוועק האָט ער געוואָלט צווינגען שפרה'ן זי זאָל צושטימען צו הייראַטען מיט אל ערב'ן.

— אָה, יעצט דערמאָהן איך זיך! — האָט דוד געזאָגט — ווען מיר האָבען זיך געטראָפען מיט אל ערב'ן צום ערשטען מאָל אין פעז, האָט ער אונז געזאָגט אַז ער איז דאָרט געקומען אויפזוכען שרה'ן.

— יע, נאָך פעז, האָבען מיר פארשפראָכען אל ערב'ן וועלען מיר אָפּ־רייזען אָבער געליובט איז גאָט — האָט אלמאעלי פאָרטגעזעצט צו דערצעה־לען. ער האָט אַלעס דערצעהלט קיין זאַך האָט ער ניט אויסגעלאָזט: ווי אַזוי שרה איז געווען גרייט צו שטאַרבען על קידוש השם. ווי אַזוי מען האָט איהר געבראַכט צום הערשער אל מומען וועלכער האָט איהר געזאָלט פאַר'משפּט'ען צום טויט אָבער אָנשטאָט דעם האָט ער זיך אין איהר פאַר־ליבט און זי געוואָלט פאַר זיין פרוי מאַכען, און ווען ער האָט געזעהען אַז שרה איז פאַר'עקשנ'ט האָט ער זי געהייסען איינשפּאַרען אין געפענגעניס.

— דער הערשער אלמומען האָט געוואָלט אַז איך זאָל זיך דורכריידען מיט מיין שוועסטער און איהר בעאיינפלוסען. ער האָט מיר דעריבער ער־לויבט צו קומען צו איהר אין געפענגעניס צו יעדער צייט און אַזוי איז מיר געלונגען מיט איהר פון דאָרט צו אנטלויפען.

אלמאעלי האָט איהר דערצעהלט אַלעס וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט אויפ'ן וועג, ווי אַזוי דער שווינדלער אלהוני האָט פון איהם זיין געלד אוועק־גערויבט און איהם און שרה'ן געוואָלט מאַכען פאַר זיינע שקלאַפען. גאָט האָט אָבער אונז געהאָלפען און א יונגערמאַן, אַן אויסערגעוועהנליכער יונ־גער מאַן וועמענ'ס נאָמען איז דוד אלראי האָט א וואונדער באוויזען און אונז פון זיינע הענט געראַטעוועט און אויך דאָס געלד פאַר אונז צוריקגעקראָ־גען.

— ווער איז דער וואונדערבארער מאַן? — האָט דוד געפרעגט.

— ער איז צוזאַמען מיט אונז. מיין שוועסטער און רות האָבען אַ בעזונדערען געצעלט צוזאַמען מיט נאָך איניגע יונגען וועלכע זיינען זיינע נאָכפאָלגער.

— ער זאָגט אַז ער שטאַמט פון מלכות בית דוד און בעזיצט א געט־ליכע מאַכט. זיין אויפגאַבע איז — זאָגט ער — אויסצולייזען די אידען פון גלות!

— וואָס? — ער האַלט זיך פאַר משיח'ן! — האָט דוד אויסגערופען.

— יע. ער האָט אונז גאַנץ דייטליך ערקלערט אַז ער איז משיח און דורך איהם וועט קומען די גאולה אויף די אידען. ער וועט צוזאַמענקליי־בען די אידען פון אַלע גלות לענדער און זיי ברייגגען צוריק נאָך ארץ ישראל.

— דאָס איז אונמעגליך! — האָט דוד בן מימון אויסגערופען — משיח וועט קומען און ברייגגען די גאולה פאַר אונזער פאַרוואָגעלטען פאָלק. אָבער ניט דורך אַזאַ וועג. ער וועט פריהער באווייזען וואונדער.

ער האָט טאַקע באַוויזען א וואונדער! — האָט אַלמאַעלי אויסגערופען.
— ניין. דאָס וואָס ער האָט געבראַכט אַלחוני'ן צו גערעכטיגקייט קען עס ניט אָנגערופען ווערען וואונדער. א וואונדער איז אַזאַ זאַך וואָס איז איבער דער טבע!

— איך מיין ניט דאָס! —האָט אַלמאַעלי ווייטער געזאָגט. איך מיין אז ער האָט אונז געזאָגט אז דו געפינסט זיך אין באַגדאַד! יע, ער איז דאָס געווען דער יעניגער וועלכער האָט אונז געזאָגט וועגען דיר. ער האָט אונז געזאָגט אז א מלאך פון הימעל האָט עס איהם מגלה געווען. ער האָט אונז אפילו געזאָגט דיין נאָמען.
— אויב אַזוי! — האָט דוד אויסגערופען — איז עס טאַקע א וואונדער! און מעגליך אז ער ווירקליך א געטליכער מאַן.
— נו, זעהסטו, שרה! — האָט אַלמאַעלי זיך אָפּגערופען — איך האָב שטענדיג געפּהילט אז דוד אלראי איז אויסערגעוועהנליך און יעצט האָבען מיר זיך אַלע אין דעם איבערצייגט. מיר זעהען דאָך אז ער האָט ארויסגעוויזען א נבואה. ער האָט אונז געזאָגט אז מיר וועלען טרעפען דעם איינגערען זוהן פון רבי מימון און אַזוי האָט דאָך פּאַסירט!

שרה האָט געשוויגען. זי האָט אַליין ניט געקענט באַגרייפען און פאַרשטעהן די פּערזענליכקייט פון אלראי'ן. זי געדענקט נאָך גאַנץ גוט זיין געשפּרעך ווען ער האָט איהר פּרובירט איינרייידען אז אליהו הנביא האָט איהם געגעבען דעם האַלזבאַנד פאַר איהר. זי האָט אָבער קיין וואָרט ניט דערצעהלט וועגען דעם צו זיי. ווייל זי אַליין איז צוטומעלט געוואָרען און ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען.
— איך בין זעהר נייגעריג צו טרעפען דעם מאַן! — האָט דוד געזאָגט. פון דעם וואָס ער האָט געטראָפען וועגען מיין געפינען זיך אין באַגדאַד, איז צו זעהען אז ער בעזיצט ווירקליך א גייסט פון נבואה און אויב ער שטאַמט פון מלכות בית דוד, קען גאַנץ מעגליך זיין אז ער איז בעשטימט געוואָרען אויסצולייזען די אידען פון גלות.
— פון פיעלע פון זיינע אַנדערע האַנדלונגען בין איך שטאַרק ענטטוישט! — האָט שרה געזאָגט — און עס איז מיר שווער זיך פאָרצושטעלען אז משיח וואָלט אַזוי געהאַנדעלט.
— מיר, איינפאַכע מענשען קענען ניט אורטהיילען פון זיינע האַנדלונגען! — האָט אַלמאַעלי געזאָגט — איך בין זיך מודה אז איך האָב אויך אָנגעפאַנגען צו צווייפלען אין זיינע רייד. אָבער ווען איך האָב איהם געזעהען ווען ער האָט צו גאָט מתפּלל געווען און גלייך אונז געענטפערט אויף אונזער פראַגע, וואָס מיר האָבען איהם געשטעלט, און יעצט אז מיר זיינען איבערצייגט אין דעם אז ער האָט געטראָפען, איז א סימן אַז דוד אלראי איז ניט קיין געוועהנליכער מענש.
— איך מוז זיך מיט איהם זעהען! — האָט דוד אויסגערופען — אָבער איידער מיר געהען צו איהם, וואָלט איך וועלען אז רות זאָל מיר דערצעהלען פון זיך. איך פאַרשטעה אז דו, רות האָסט אויך פיעל דורכגעמאַכט און אויב עס איז פאַר דיר ניט שווער זאָלסטו מיר דערצעהלען וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט.

רות האָט ארונטערגעלאָזען איהרע אויגען. עס איז אָבער געווען גאנץ שווער ווידער אויפצוריסען איהרע וואונדען. מיט א נידעריגע שטימע האָט זי אָנגעפאנגען צו דערצעהלען וועגען איהר פאָטער, וועלכער איז מיט איהר אָפּגעפאָהרען נאָך ארץ ישראל צו איהר זיידען רבי יפת, קורץ נאָכ־דעם ווי זי האָט איהר מוטער פארלאָרען.

ווען זי האָט געענדיגט דערצעהלען האָבען זיך טרעהרען באוויזען אין דוד'ס אויגען. ער זעהט יעצט ווי עלענד און איינזאַם זי, אַזאַ צאַרטע בלום איז. זי איז אַזוי שעהן און איידעל און דערצו נאָך אַן אייניקעל פון זייער פריינד רבי יפת.

— איך בין זעהר גליקליך צו הערען אז דיין זיידע האָט געראטהען דיין פאָטער און דיר אויפצוזוכען אין מצרים אונזער משפּחה. און דאָ האָט מיט גאָט אהער געבראכט איך זאָל דיך טרעפען.

— אָבער מיין פאָטער! — גאָט ווייס וואָס מיט מיין פאָטער האָט פּסירט! — האָט רות געווישט די טרעהרען פון איהרע אויגען.

— האָסטו גערעדט מיט אלראי'ן וועגען דיין פאָטער! — האָט דוד זי געפרעגט.

— יע, איך האָב מיט איהם גערעדט און ער פארזיכערט מיר אז פרי־דען צו איהם!

— אויב ער האָט געקענט טרעפען וועגען מיר, וועט ער אויך טרע־פען וועגען דיין פאָטער! ער וועט דיר שוין זאָגן וואו ער געפינט זיך און וואָס מיט איהם האָט פּאסירט. יעצט לאָמיר געהן צו איהם. איך וועל איהם צום ערשטען באדאנקען וואָס ער האָט מעגליך געמאכט פאר מיר זיך צו טרעפען מיט אייך צוזאמענבריינגענדיג דורך דעם צוויי משפּחות וועלכע זיינען זעהר פריינדליך געווען. און דאן וועל איך איהם באדאנקען פאר אלעם וואָס ער האָט פאר ייך געטהאָן.

זיי זיינען וועקגעגאנגען צו אלראי'ס געצעלט און האָבען איהם דאָר־טען געטראָפען. אלמאעלי איז אריין אינוועניג און די איבעריגע זיינען געבליבען אין דרויסען.

— מיין האר! — האָט ער זיך א נייג געטהאָן פאר דוד אלראי'ן — דו האָסט א וואונדער באוויזען, מיר האָבען אויפגעזוכט דוד'ן דעם זוהן פון מימון, פּונקט ווי דו האָסט געזאָגט. און יעצט איז ער אהער געקומען דיר צו באדאנקען.

— איז ער אליין? — האָט אלראי געפרעגט.

— יע, ער איז אליין. אויסער מיין שוועסטער און רות וועלכע גע־פינען זיך אין דרויסען.

— זאָלען זיי אלע אריינקומען! — האָט דוד אלראי זיך אָפּגערופען.

אלמאעלי איז ארויס און באלד האָט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט אלע־מען. אלראי איז זיי אנטקעגען געגאנגען און אויסגעשטרעקט זיין האנט צו דוד'ן.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט אייך צוזאמענצוברייגגען! — האָט אלראי מיט שטאָלץ אויסגערופען. איך ווייס אז ביז יעצט האָט שרה געצווייפעלט אין מיינע רייד. זי האָט געמיינט

אז איך האָב עס אויסגעטראַכט פון קאָפּ.

— דו מוזט איהר מוחל זיין, מיין האַר! — האָט אַלמאַעלי זיך צו איהם אָפּגערופען — דו ווייסט דאָך וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט. אָבער יעצט איז ביי קיינעם פון אונז קיין צווייפעל ניט אז די נבואה פון גאָט רוהט אין דיר און ווען די צייט וועט קומען וועסטו בעפרייען אַלע אידען פון גלות!

— איך בין גליקליך אז איך קען מיט מיינע אויגען זעהען דעם געט־ליכען מאַן! — **האָט דוד בן מימון זיך אָפּגערופען און א נייג געטהאָן זיך** פאַר איהם. וואָס פאַר א גליקליכע בשורה עס וועט זיין פאַר אונזער פאָלק ווען זיי וועלען אָנגעזאָגט ווערען אז דער טאָג פון ישראל'ס גאולה איז נאָ־הענט.

דוד אלראַי האָט יעצט צוריקגעקראָגען זיין מוטה. ער האָט איינגע־זעהען אז דוד, דער ברודער פון רמב"ם גלויבט אין איהם און דאָס קען איהם פיעל נוצען בריינגען. ער דאַרף בלויז קריגען א צושריפט פון רמב"ם און פון נאָך איניגע אידישע חכמים און זיין ערפאָלג וועט זיין געזיכערט' ער האָט באַשלאָסען זיך פּאָרצושטעלען פאַר דוד'ן גאַנץ אָפען אלס דער משיח.

— דער בעכער פון די אידישע צרות איז שוין פול געוואָרען! — האָט אלראַי געזאָגט און די צייט איז ניט ווייט, ווען גאָט וועט מיר דעם הימלישען צייכען געבען און מיר באַשיינקען מיט דער מאַכט אויסצולייזען זיין פאָלק ישראל פון גלות!

— עס איז שוין צייט, אז עס זאָל נעהמען א סוף צו אונזערע ליידען!

— האָט דוד בן מימון געזאָגט — מיר ווערען גע'רודפ'ט, געפּלאַגט און גע־יאָגט פון אונזערע שונאים, וועלכע זיינען שטאַרקער פון אונז.

— איך האָב שוין אויסגעאַרבייט איניגע פּלענער! — האָט אלראַי ווייטער געזאָגט — איך האָב באַשלאָסען צו געהן נאָך ירושלים, אונזער הייליגע שטאָדט, און פון דאָרטען נאָך חברון, וואו איך וועל זיך אויסשפּריי־טען איבער די קברים פון אונזערע אבות און מתפלל זיין פאַר מיין פאָלק, אז גאָט זאָל זיינע זינד פאַרגעבען און איהם אויסלייטערען, כדי זיי זאָלען ווירדיג זיין צו דער גאולה. און ערשט דאַן וועט אליהו הנביא אָנזאָגען די פרעהליכע ישועה צו די אידען אין אַלע לענדער און זיי וועלען שטראָמען פון אַלע פיער ווינקלען פון דער ערד ביז זיי וועלען קומען אונטער מיין פאָהן, די פאָהן פון ציון.

אָה, געלויבט איז גאָט! — האָט דוד אויסגערופע — אז די גאולה פון ישראל וועט פאָרקומען אין אונזער צייט! וואָס פאַר א פרייד עס וועט הערשען אין אונזער הויז, ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען און זיי איבער־געבען, אז איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהען משיח'ן, אז איך האָב מיט איהם גערעדט.

— איידער דו וועסט זיך אומקעהרען אהיים, צו דיין משפחה אין מצרים, — האָט אלראַי מיט א זיכערע שטימע זיך אָפּגערופען צו דוד'ן — וועסטו מיט אונז מיטרייזען נאָך ירושלים. ווייל דו דאַרפסט וויסען, אז ניט אומזיסט האָט דיר דער אלמעכטיגער גאָט אריינגעגעבען א געדאַנק, אז דו זאָלסט קומען אהער. פון הימעל ביזטו באַשטימט געוואָרען צו באַ־

גלייטען מיר אויף דער רייזע צו אונזער הייליגער לאנד, און מיט דיינע אויגען וועסטו זעהן די גרויסע וואונדער וואס איך וועל בעוויזען. דאן וועט אפילו שרה שוין מעהר ניט צווייפלען אין מיינע רייד, אז אליהו הנביא האט זיך צו מיר באוויזען.

שרה׳ס פנים איז באדעקט געווארען מיט א רויטקייט. זי האט אבער געשוויגען. אפילו יעצט, נאכדעם ווי ער האט זיי באוויזען דעם „וואונדער“ איז איהר צווייפעל פון איהר ניט ארונטער. זי קען זיך בשום אופן ניט פארשטעלען אז דער משיח זאל אזוי ריידען, זאל אזוי האנדלען. זי האט בלויז בעדארפט זיך דערמאנען אין זיין ליגען וועגען דעם האלזבאנד וואס ער האט ארויסגעקראגען פון דער רייכער פרוי האסאנא, און איהר געוואלט איינריידען, אז אליהו הנביא האט עס איהם געגעבען פאר איהר א מתנה.

דוד אלראי האט די גאנצע צייט זיינע אויגען פון שרה׳ן ניט ארונטערגענומען. ער האט נאכגעפאלגט יעדע באוועגונג, יעדע מינע וואס זי האט געמאכט, און ער האט פארשטאנען אז שרה איז נאך דערווייל ניט מיט איהר גאנצען הארצען איבערגעגעבען צו איהם. דער צווייפעל איז נאך אין גאנצען ניט אויסגעווארצעלט פון איהרע געדאנקען. ער האט דעריבער ביי זיך באשלאסען ניט צו געבען איהר א געלעגנהייט לאנג צו טראכטען. ער וועט האנדלען שנעל. ער וועט זיי אלעמען זאגען, אז מארגען אין דער פריה וועט ער אנפאנגען זיין רייזע נאך ארץ ישראל, און אלע וועלען איהם דארפען באגלייטען אויף דער רייזע. ער איז געווען זיכער, אז קיינער וועט ניט וואגען איהם צו ענטזאגען און דאן וועט אויך שרה צושטימען.

—זיי וויסען, דוד בן מימון! — האט דוד אלראי זיך צו איהם געווענדעט — איך האב מיט מיין רייזע נאך ירושלים געווארט אויף דיין קומען. עס איז שוין אזוי געווען דער ווילען פון אונזער פאטער אין הימעל, אז דו זאלסט מיך באגלייטען און זיין אן עדות ווען איך וועל פיהרען אונטער דער חופה די קעניגין פון ירושלים, וועלכע איז באשטימט געווארען פאר מיר אין הימעל. זי וועט זיין די מלכת המשיח! און ווילט איהר וויסען איהר נאמען, וועל איך אייך זאגען, איהר נאמען איז אזוי ווי דער נאמען פון דער פרוי פון אונזער פאטער אברהם, יע, שרה איז איהר נאמען און זי האט גאט אויסדערוועהלט צו זיין מיין פרוי! — האט אלראי אנגעוויזען אויף שרה׳ן.

— אה, ניין! ניין! — האט שרה אפגעקעהרט איהר קאפ מיט פארדרוס, — איך בעט דיר, רייד ניט אזוי!

— דו האסט זיך ניט וואס צו שעמען, מיין ליעבע שרה! זאלען אלע וויסען, אז איך האב דיך אויסגעקליבען פאר מיין כלה, דאס טהו איך מיט דער צושטימונג פון הימעל. זעהסטו דען ניט, אז גאט האט אונז אויף אזא וואונדערבארען אופן צוזאמענגעבראכט. דו ביזט געבארען געווארען אין איין עק וועלט, און איך אין דער צווייטער. און ווען עס איז געווען דער ווילען פון גאט, אז דו זאלסט קומען צו מיר, און ער האט מיך געשיקט דיך צו רעטען פון די הענט פון אלהוני און דיך באפרייען, כדי דו זאלסט נאכהער קענען ווערען מיין פרוי, און מיט מיר געהן נאך ירושלים, וואו מיר וועלען קענען פייערען אונזער חתונה!

— איך וועל ניט געהן נאָך ירושלים מיט דיר! — האָט שרה אויסגערופען און איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסעלט פון אויפרעגונג — דו ביזט ניט דער משיח! דו ביזט א...

— איך האָב דאָס ערוואַרטעט! — האָט אלראי זיך אָפּגערופען צו דוד'ן און אלמאַעלי'ן, וועלכע זיינען געזעסען צושראָקענע און צוטומעלטע ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן און וואָס צו ריידען. יע, איהרע טרעהרען וועלען איהר לייטערען, זיי וועלען ריינינגען איהר נשמה או זי וועט ווירדיג ווערען צו זיין די כלה פון משיח'ן.

נאָכדעם ווי שרה האָט זיך עטוואָס בארוהיגט, האָט זי באשלאָסען, אז יעצט איז געקומען די צייט ווען זי וועט ריידען! זי וועט איהם פּאָרוואַרפען פאר דעם ליגען וואָס ער האָט איהר געזאָגט וועגען דעם האלזבאַנד וואָס ער האָט געזאָלט קריגען פון די הענט פון אליהו הנביא, אין דער צייט ווען זי וייס, אז ער האָט עס אויסגענאַרט פון האסאנא.

אין געצעלט האָט געהערשט א שטילקייט. שרה האָט א קוק געטהאָן אויף רות'ן און זי האָט באמערקט, אז אויך איהרע אויגען זיינען פייכט. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ און זיך אָפּגערופען צו רות'ן:

— קום, רות, לאָמיר ארייננגעהן צו אונז אין געצעלט. איך בין זעהר מיד און איך וועל זיך דאָרט אויסרוהען.

— שרה, מיין ליעבע שוועסטער! — האָט זיך אלמאַעלי צו איהר געווענדעט — דו זעהסט דאָך יעצט, אז דער ווירדיגער אלראי, וועלכער האָט אונז געראַטעוועט איז ניט קיין געוויינליכער מענש, ער איז א געטליכער מאַן! זיינע רייד זיינען הייליגע און דו דאַרפסט אזוי ניט האנדלען.

— קום מיט מיר א ווייליע ארויס פון געצעלט און איך וועל דיר עפּעס זאָגען! — האָט שרהזיך אָפּגערופען צו איהר ברודער. דו רות, קענסט אויך מיטגעהן.

אלמאַעלי האָט זיך ענטשולדיגט פאר דוד'ן און אלראי'ן און איז מיט זיין שוועסטער און רות ארויס פון געצעלט.

— דו ווילסט וויסען אויב איך האָב רעכט! — האָט שרה זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער — וועל איך דיר דאָס באַלד איבערצייגען.

זי האָט באַלד צוגערופען איינעם פון אלראַי'ס יונגען, וועלכע זיינען געלעגען אויפ'ן גראָז ניט ווייט פון געצעלט.

דער יונג איז שנעל צוגעקומען און זיך א נייג געטהאָן פאר זיי.

— ווייסטו וואָס דיין האר דוד אלראי האָט געקראָגען פון האסאנא'ן? — האָט שרה איהם גלייך א פרעג געטהאָן.

— יע, מיין הארינטע, איך וויים. אונזער האר דוד האָט פאר אונז אלעמען געוויזען. ער האָט געקראָגען פון האסאנא'ן א גאָלדענעם האלזבאַנד איינגעפאַסט אין דיאמאַנטען און בריליאַנטען. אזא וואונדערשעהנעם האלזבאַנד האָב איך נאָך אין מיין לעבען ניט געזעהן. דער האר דוד האָט אויך געזאָגט, אז דיזען האלזבאַנד וועט ער דיר געבען א מתנה! — האָט דער יונג מיט א שמייכעל געזאָגט.

— איך דאַנק דיר! — האָט שרה געזאָגט צום יונג. — יעצט קענסטו געהן.

דער יונג האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינענדע בליקען. ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס שרה האָט איהם געשטעלט אזא מאָדנע פראגע. ער האָט זיך א נייג געטהאָן און איז צוריק געגאַנגען צו זיין פלאַץ.

— יעצ ביזטו איבערצייגט, אַז ער האָט דע טייערען האַלזבאַנד גע־קראָגען פון האסאנאַ׳ן.

— דאָס האָבען מיר דאָך ביידע געוואוסט פון דעם ערשטען טאָג ווען מיר זיינען בעקאַנט געוואָרען! ער האָט דאָך אונז גענעבען צו ערקלערען פאַר וואָס ער ערלויבט זיך ארויסצוקריגען אזוי פיעל געלט. דו גערענקסט ווי ער האָט אונז ערקלערט, אַז די גוים האָבען צוראבירט אונזער פאַרמע־גען, אונזער גאָלד און זילבער, און יעצט האָט ער א רעכט דאָס צוריקצו־נעהמען פון זיי און זיי איבערגעבען צוריק צום פאָלק.

— ער האָט אָבער קיין רעכט ניט מיר צו זאָגען אזא שענדליכען לי־גען וועגען דעם! — האָט שרה זיך אָפּגערופען.

— וואָס פאַר א ליגען האָט ער דיר דען געזאָגט! — האָט אלמאַעלי זי געפרעגט.

— ער האָט מיר געצייגט דעם האַלזבאַנד וואָס ער האָט געקראָגען פון האסאנאַ און מיר געזאָגט, אַז ער האָט געזעהען אליהו הנבאא׳ן אין זיין חלום און ער האָט איהם געגעבען דעם גאָלדענעם האַלזבאַנד. ער האָט מיר אויך פּרובירט איינריידען, אַז די פּרינצעסין מיכל, די טאָכטער פון שאול המלך און די פרוי פון דוד המלך האָט דיזען האַלזבאַנד געטראָגען! ער האָט געוואָלט דעם האַלזבאַנד אויף מיין האַלז ארויפטהאָן אָבער איך האָב איהם ניט געלאָזען.

— און יעצט שרה, האָב איך דיר אויך עפּעס צו זאָגען! — האָט רות זיך צו איהר אָפּגערופען — א קורצע ווייל׳ע איידער אלראי האָט מיט דיר גערעדט, איז ער אריינגעקומען אין דעם געצעלט וואו איך בין אליין גע־זעסען און געווארט אויף דיין צוריקקעהר. ער איז צו מיר צוגעגאַנגען און געוויזען דעם האַלזבאַנד און געזאָגט, אַז ער האַלט עס פאַר דיר, זיין כלה, און דאַן האָט ער ארויסגענומען א גאָלדענעם רינג און געוואָלט איהם ארויפ־טהאָן אויף מיין פינגער. איך האָב איהם ניט ערלויבט דאָס צו טהאָן, האָט ער א ווייל׳ע פאַרגלאָצט מיט זיינע אויגען און מיר געזאָגט: אז ער האָט נאָר וואָס געקראָגען אַן אָנדייטונג פון הימעל, אז כאָטש דערוויילל וועל איך פאַררעכענט ווערען אַלס די דינסט פון משיח׳ס פרוי, וועל איך אָבער מיט דער צייט זוכה זיין צו ווערען זיין צווייטע פרוי צו שרה׳ן. דו וועסט זיצען ביי זיין רעכטער האנט און איך ביי זיין צווייטער האנט. ווען איך האָב זיך נאָך אַלץ אנטזאגט צו נעהמען פון איהם דעם רינג, איז ער ארויס פון געצעלט א ברוגז׳ער.

— נו, יעצט גלויבסטו נאָך אַליי, אַז ער איז באַשטימט געוואָרען צו זיין דער אויסלייזער פון דעם פאָלק ישראל! — האָט שרה זיך אָפּגערופען.

— אָבער וואָס קענסטו זאָגען צו דעם וואָס ער האָט געטראָפען אז דוד דער זוהן פון מימון געפינט זיך אין באַגדאַד?

— איך האָב וועגען דעם זעהר פיעל געטראַכט און כאָטש פון אויבען־אויף שיינט עס צו זיין א וואונדער, גלויבט זיך מיר ניט, אז עס איז ווירק־

ליך וואונדער. ווער ווייס ווי אזוי ער האָט עס אויסגעפונען? עס זיינען פאראַן פיעלע מעגליכקייטען!

באַלד איז ארויסגעקומען דוד בן מימון פון געצעלט און ער האָט זיך אפּגערופען צו זיי:

— יעצט איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז דוד אלראַי איז דער אמת'ער משיח, וועלכער וועט אויסלייזען אלע אידען פון גלות. דורך דער קליינער ווילע וואָס איהר זייט ארויס, האָט ער מיר געזאָגט פיעלע זאַכען וועגען מיין משפחה.

— דו דאַרפסט אָבער ניט פארגעסען, דוד — האָט שרה זיך צו איהם אָפּגערופען, אז איך און רות האָבען איהם פיעלעס דערצעהלט. איך האָב איהם דערצעהלט די איינצעלהייטען פון יענער צייט ווען מיר זיינען אין קאָרדאָווא געווען, און רות האָט איהם איבערגעגעבען דאָס וואָס איהר זיידע רבי יפת האָט אַהר דערצעהלט וועגען דעם רמב"ם'ס משפחה.

—יע, אָבער די וואונדער וואָס ער האָט באַוויזען, ווען ער איז אין צייט געקומען אייך ביידען צו ראַטעווען, און דאָס וואָס ער האָט אייך גע־לאָזט וויסען וועגען מיין אָנקומען! דאָס אליין איז גענוג, אז מיר זאָלען זיך איבערצייגען אין זיין גרויסקייט, אז ער באַזיצט א געטליכע קראַפט און ער האָט די מעגליכקייט צו ברייננגען די גאולה אויף די אידען.

פון דער ווייטענס האָבען זיך באַוויזען איינ'גע פון די אידישע סוחרים, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין באַגדאַד צוזאַמען מיט דוד'ן, דעם רמב"ם'ס ברודער. דוד האָט זיי באַמערקט און ער האָט אויסגערפען:

— מיינע פריינד, די סוחרים מיט וועמען איך בין אַהער געקומען פון מצרים, געהן אין אונזער ריכטונג. זאָל עס זיין, אז זיי קומען מיר זוכען. פון וואַנען וויסען זיי, אז איך געפין זיך דאָ!

— מעגליך, אז אין באַגדאַד געפינט זיך נאָך א משיח, וועלכער האָט זיי געזאָגט וואו דו געפינסט זיך! — האָט שרה מיט א שמייכעל זיך אָפּ־גערופען.

— אָה, שרה, ווי אזוי קענסטו אזוי ריידען! ביזט זיכער, אז אלראַי איז ניט דער אויסדערוועהלטער פון גאָט!

— איך בין ניט זיכער, אָבער ווען איך זאָל וויסען, אז משיח באַזיצט די אלע מענשליכע שוואַכקייטען און דערצו נאָך חסרונות, וואָס מען גע־פינט אין די נידעריגע שיכטען פון פאָלק, וואָלט איך פאַרגעצוויגען צו פאַר־בלייבען אין גלות איידער אויסגעלייזט צו ווערען דורך אזא משיח!

— דיינע רייד זיינען א רעטעניש צו מיר! — האָט דוד בן מימון זיך אָפּגערופען צו שרה'ן — וואָס אזוינס האָט אלראַי געטהאָן אז ער איז אזוי געפאַלען אין דיינע אויגען.

— יעצט איז ניט די צייט פון דעם צו ריידען! — האָט שרה גע־זאָגט, אָבער מיין ברודער ווייס וואָס איך מיין!

— פרידען צו דיר! — האָט איינער פון די סוחרים, וועלכע האָבען זיך צו איהם דערנעהענטערט אָפּגערופען — מיר האָבען דיך פאַר א היבשע ווילע ארומגעזוכט, און איינער פון אונזערע באַקאַנטע האָט אונז געזאָגט, אז ער האָט דיך געזעהען אוועקגעהענדיג צוזאַמען מיט... האָבען מיר דיר

שוין חושד געוועז — האָט ער צוגעגעבן האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס.

— חושד געוועז אין וואָס ? ! — האָט דוד זיך אָפּגערופען.

— דו געדענקסט, אַז מיר האָבען דיר דערצעהלט פון אַ אידישען יונ-גען מאַן, וועלכער האָט אונז אָנגעבאָטען צו קויפען ביי איהם אַ גאָלדענעם האַלזבאַנד, וואָס איז געוועז אַ זעלטענע קאָסטבאַרע צירונג און **מיר האָבען** ניט ריכטיג געוואוסט ווי אָפּצושאַצען אַזאַ טייערע ציערונג, האָבען מיר איהם געזאָגט, אַז מיר וועלען זיך בעראַטהען מיט דיר און אַזוי שנעל ווי ער האָט פון אונזערע ליפּען דערהערט דיין נאָמען, האָט ער חרטה געקראָ-גען אויף דעם מסחר און ער האָט אונז געזאָגט, אַז ער וועט זיך מישב זיין. און ווען מען האָט אונז איבערגעגעבען, אַז דו ביזט אַוועק מיט אַ יונגען מאַן און צוויי יונגע פרויען, האָבען מיר געמיינט, אַז דער יונגערמאַן, איז דער זעלבער, וועלכער באַזיצט דעם האַלזבאַנד און דו ביזט עס אַוועק פאַר-האַנדלען מיט איהם אָהן אונזער וויסען, כדי דו זאָלסט אַליין האָבען די גאַנצע פאַרדינסטען ! אָבער אויב דאָס איז דער יונגערמאַן מיט וועמען דו ביזט געזעהען געוואָרען, זעה איך, אַז אונזער חשד איז אומזיסט געוועז.

— און איהר האָט מיך געקענט חושד זיין אין אַזאַ זאַך ! — האָט דוד אַ שמייכעל געטהאָן — בין איך דען פעהיג צו פאַררעטהען אייך, מיינע פריינד !

— האָסטו געהערט וואָס דער סוחר האָט געזאָגט צו דוד ? ! — האָט שרה איינגעשושקעט איהר ברודער אין אויער.

— יע, איך האָב געהערט ! — האָט אַלמאַעלי איהר געענטפערט.

— און איז דען ביי דיר אַ ספק ווען דער יונגערמאַן מיט'ן האַלזבאַנד איז געוועזן ?...

— געוויס איז דאָס געוועזן אַלראַי ! — האָט אַלמאַעלי צוגעגעבען.

— אויב אַזוי קענסטו שוין איצט פאַרשטעהן ווי אַזוי עס איז פאַר איהם מענליך געוועזן צו באַווייזען דעם „וואונדער" ! — האָט שרה געזאָגט

— איך בין זיכער, אַז ער האָט פון זיי אויסגעפונען וועגען דוד'ן און ער האָט אונז געוואָלט איינריידען, אַז גאָט האָט עס איהם דורך אַ מלאך אָנ-געזאָגט.

— וואַרט, לאָמיר הערע וואָס די סוחרים ריידען מיט דוד'ן ! — האָט אַלמאַעלי אין דער שטיל אַ זאָג געטהאָן.

זיי האָבען זיך צוגעהערט :

— דו ווייסט דוד, ווי שטאַרק געשעצט דו ביזט אין אונזערע אויגען, וואָס פאַר אַ געהויבענע מיינונג מיר האָבען פון דיר און פון דיין ווירדיגער משפּחה, מיט דיין ברודער דעם רמב"ם מיט וועמען אַלע אידען פון דער וועלט זיינען אַזוי שטאָלץ, און דעריבער איז אונז שווער געוועזן צו גלויבען, אַז דו וועסט אונז נאַרען און זוכען אַליין צו מאַכען דעם פאַרדינסט פון דעם האַלזבאַנד.

— און יעצט, אַז איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב יענעם מאַן ניט אָנגעזעהען אין מיינע אויגען און פון דעם האַלזבאַנד וויים איך אויף אַזוי פיעל וויפיעל איך האָב פון אייך געהערט, וועט איהר מיר גלויבען ?

— דו ווערסט אונז ענטשולדיגען, דוד, וואָס מיר האָבען גאָר געקענט טראַכטען אַזוי פון דיר! — האָט נאָך אַ סוחר זיך אָפּגערופען — מיר זיינען געווען זעהר נייגעריג אויפצוזוכען דעם יונגען מאַן! ווייל מיר מוזען דיר זאָגען, אַז ווען אונז וועט געלינגען אָפּצוקויפען פון איהם יענעם האַלז־באַנד, וואָלט שוין פאַר אונז געווען כדי צוליעב דעם אליין צו מאַכען אונזער רייזע אַהער פון מצרים! אָבער לאָמיר האָפען, אַז דער יונגערמאַן וועט נאָך צו אונז קומען און באַנייען זיין אָנבאָט. מיר זאָלען אָפּקויפען די קאָסטבאַרע ציערונג פון איהם, און יעצט בעטען מיר דיר נאָך אַמאָל דו זאָלסט אונז מוחל זיין!

— אָה, מיינע פריינד, איז פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב גאָרניט צו אייך, נאָך אַלעמען איז עס נאַטירליך, אַז איהר זאָלט אַזוי פיהלען. און יעצט וועל איך אייך פאָרשטעלען מיינע פריינד, וועלכע איך האָב צופעליג געטראָפען אין באַגדאַד.

דוד האָט נאָך ניט באַוויזען ארויסצוריידען זייערע נעמען, און פון געצעלט איז ארויסגעקומען דוד אלראי...

איין סוחר האָט איהם באַמערקט און האָט שנעל אויסגערופען צו די איבעריגע:

— איהר זעהט ווער עס איז דאָרט!

זיי האָבען אַלע אַ קער געטהאָן זייערע אויגען און האָבען דערזעהן דעם יונגען מאַן, וועלכער האָט זיי ניט לאַנג צוריק אָנגעבאָטען צו פאַרקויפען דעם גאָלדענעם האַלזבאַנד!

— און מיר האָבען געמיינט, אַז דו זאָגסט אונז דעם אמת! — האָט אַ סוחר מיט צאָרן זיך אָפּגערופען צו דוד'ן, דעם זוהן פון מימון.

— דו מעגסט זיך טאַקע שעהמען! דו האָסט אונז געוואָלט באַשווינדלען! — האָט אַ צווייטער סוחר אויסגערופען.

— דוביזט אַ שווינדלער און אַ ליגנער! — האָט אַ דריטער סוחר זיך אַ קרים געטהאָן — נאָר־וואָס האָסטו אונז פאַרזיכערט, אַז דו קענסט ניט יענעם מאַן און דו האָסט איהם קיינמאָל אין דיינע אויגען ניט אָנגעזעהן!

— וואָס איז געשעהן! וואָס רעדט איהר! — איז דוד צוטומעלט געוואָרען — פאַר וואָס בין איך פּלוצלונג אין אייערע אויגען געוואָרען אַ שווינדלער?

— דו ווילסט אונז איינרעדען, אַז דו האָסט אָט יענעם מאַן קיינמאָל ניט געזעהן! — האָט דער ערשטער סוחר געזאָגט — מען האָט דיך געזעהן פריהער ארויסקומענדיג פון דעם געצעלט, און דו קומסט און זאָגסט אונז, אַז דו האָסט איהם קיינמאָל ניט געזעהן! זעהר ניט פיין פון דיר, דוד! עס פאַסט ניט פאַר דעם רמב"מס ברודער, אַזוי צו האַנדלען. מיר האָבען מיט דיר צוזאַמען די רייזע געמאַכט, און מיר האָבען אָפּגעמאַכט, אַז ווען עס וועט זיך אונז מאַכען אַ זעלטענע מציאה זאָלען מיר זיך טיילען דעם ריוח גלייך אויף גלייך. מיר האָבען דיר געזאָגט וועגען דעם, און דו האָסט אונז פאַראַטהען. דו האָסט אויסגעפונען ווער דער יונגער מאַן איז, און אַוועק מיט איהם פאַרהאַנדלען אָהן אונזער וויסען. און דו האָסט נאָך די חוצפה צו פאַרלייקענען פון אונז ווען מיר זיינען צו דיר געקומען און דיר

פון דעם געפרעגט.

— איך ווייס נאָך אַלץ ניט וואָס איהר ציעלט מיט אייערע רייד! — האָט דוד אויסגערופען אַ קוק טהוענדיג אויף אלראַי'ן — וואָס פאַר אַ שייכות האָט מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם הייליגען מאַן מיט דעם האלזבאַנד, פון וואָס איהר רעדט?

— ווייל אָט דער יונגערמאַן האָט עס אונז אָנגעבאָטען צו פאַרקויפען! —האָט נאָך אַ סוחר אויסגערופען — און יעצט האָסטו עס געוויס אַליין פון איהם אָפּגעקויפט, און דו זוכסט נאָך פון אונז צו פאַרלייקענען!

— איהר מאַכט אַלע אַ גרויסען טעות! — האָט זיך שרה געווענדט צו די סוחרים! איהר זייט חושד אַן אומשולדיגען מענשען. דוד האָט קיין אהנונג ניט, אַז ער האָט דעם האלזבאַנד און אַז ער האָט עס אייך אָנגעבאָטען צו פאַרקויפען.

— אויב אַזוי צו וואָס דען איז ער דאָ אין זיין געצעלט געוועזן.

— מיר האָבען איהם דאָ געבראַכט! — האָט שרה געזאָגט.

—די גאַנצע זאַך קומט אונז פאַר אומפאַרשטענדליך! — האָט אַ סוחר אַ זאָג געטהאָן — ווען מיר האָבען איהם געזאָגט, אַז מיר ווילען זיך באַראַטהען מיט דוד'ן, האָט ער אונז געזאָגט, אַז אויך זיין נאָמען איז דוד, און ווען מיר האָבען איהם ערקלערט, אַז זיין נאָמען איז דוד, דער זוהן פון רמב"ם, האָט ער באַלד צוריקגעצויגען זיין אָנבאָט און איז פון אונז אוועקגעגאַנגען.

— דען האָט ער פון אייך אויסגעפונען אַז איך געפין זיך אין באַגדאַד?

— האָט דוד בן מימון אויסגערופען, — און איך האָב געמיינט אַז...

— אָט קומט ער דאָך צו אונז. לאָמיר איהם פרעגען און ער וועט אונז אַלעם ערקלערען — האָט אַ סוחר אַ זאָג געטהאָן.

ווען אלראַי האָט געזעהען אַז זיין זאַמען זיך אין דרויסען פאַר אַ לענגערע צייט, איז ער אַרויסגעקומען פון זיין געצעלט צו זעהן וואָס האָט פּאַסירט. ער האָט באַמערקט די סוחרים מיט וועמען ער האָט פערהאַנדעלט און ער האָט זיך גלייך געוואָלט צוריקציהען אָבער עס איז געוועזן צו שפּעט. איינער פון די סוחרים האָט איהם באַמערקט. ער וועט מוזען צוקומען, אָבער וואָס וועט ער זאָגען, ווי אַזוי וועט ער קענען געפינען אַ וועג זיך אַרויסצודרעהען פון דעם פּלאָנטער? וואָס וועט ער טהאָן, אַז די סוחרים וועלען פאַר שרה'ן און די איבעריגע דערצעהלען אַז ער האָט פון זיי אויסגעפונען דאָס דוד ,דער זוהן פון מימון געפינט זיך אין באַגדאַד? דאַן וועלען זיי אַלע זיין איבערצייגט, אַז ער האָט זיי גענאַרט ווען ער האָט זיי געזאָגט אַז דאָס האָט מען איהם פון הימעל ענטדעקט.— זיין פאַרלעגענהייט איז געוועזן זעהר גרויס. דאָס וואָלט אין גאַנצען איהם ערנידעריגט אין שרה'ס אויגען און ער וואָלט שוין מעהר קיין מעגליכקייט ניט געהאַט זי צו געווינען.

מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו דער ריכטונג פון די סוחרים, טראַכטענדיג דערווייל ווי אַזוי אַלעם קלאָר צו מאַכען. ער האָט זיך אָבער צו גאָרנישט געקאָנט דערטראַכטען, טראָץ זיין ביטערקייט און זיין פלינקען מוח. איין קליינע האָפנונג איז איהם אויף'ן געדאַנק געקומען, אַז עס איז מעגליך, אַז די סוחרים האָבען דערווייל נאָך וועגען איהם ניט

גערעדט, און דאן וועט ער זיי אויפרופן אין א זייט און מיט זיי זיך דורכ־רײדן. ער וועט זיי אנבאטן אנדערע ציערונג, וואס ער וועט זיי אוועק־געבן האלב אומזיסט און דאן וועט ער פון זיי פארלאנגען זיי זאלן קיין װארט ניט דערמאנען װעגן דעם האלזבאנד.

װי אבער אלראי איז צוגעקומען נעהענטער האט ער שוין פון שרה׳ס בליקען באמערקט אז זי ווייס שוין אלעס. יע, אפילו אלמאעלי און רות קוקען אויף איהם מיט בליקען פון ענטוישונג.

—עס איז גוט וואס דו ביזט צוגעקומען — האט א סוחר זיך אפגע־רופען צו אלראי׳ן. — מיר ווילען איין מאל פאר אלע מאל קלאר מאכען א זאך, כדי עס זאל דערפון מעהר קיין מיספארשטענדניש נישט ארויסקומען.
— ווען דו ביזט צו אונז צוגעקומען און אנגעבאטען צו פארקויפען דיין ציערונג, האסטו גלייך חרטה געקראגען, ווען מיר האבען צו דיר געזאגט אז מיר ווילען צורופען דוד׳ן, דעם זוהן פון מימון. און יעצט אז מיר האבען אויסגעפונען, אז דוד איז אין דיין געצעלט געווען, זיינען מיר זעהר נייגעריג צו וויסען, אויב ער אליין האט פו דיר דעם האלזבאנד אפגעקויפט.

— אה, פוסטע מענשען! — האט דוד אלראי אויף זיי זיך אנגע־בייזערט. — איהר זייט פארעכענט פאר די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, אבער אייך ליגט גאר אין זינען אייערע אייגענע פראפיטען. איהר קימערט זיך גאנץ וויניציג וואס דאס פאלק ישראל וויקט זיך אין יסורים און ליידען. וואס אייערע ברידער, אייער אייגען פלייש און בלוט, ווערען געדריקט און געשטיקט פון אונזערע שונאים. איהר טראכט ניט פון דעם גורל פון דעם פאלק פון יהודה, וואס איז דורך דער אכזר׳ישער האנט פון שונא ארויסגעריסען געווארען מיט דעם ווארצעל פון זיין לאנד און צע־שפרייט געווארען אין די גלות לענדער. איהר טראכט ניט פון דעם, וואס אונזער פאלק שמאכטעט אונער דעם יאך פון די פעלקער, וועלכע האבען אונז בארויבט פון אונזער האב און גוטס. איהר מעגט זיך אלע שעהמען;! איך האב אייך בלויז געוואלט אויספרובירען צו זעהן אויב אייערע נשמות זיינען אריינגעטהאן בלויז ווי אזוי צו דערווערבען פאר זיך גרויסע פאר־מעגענס. און יעצט זעה איך, אז איהר טראכט גאר ניט פון קיין אנדער זאך. — ווילט איהר דען ניט, אז די אידען זאלען אויסגעלייזט ווערען פון גלות ?

די סוחרים זיינען געבליבען שטעהן ערשטוינט. עס איז פאר זיי געווען דאס ערשטע מאל, וואס זיי האבען אזעלכע רייד געהערט. זיי האבען זיך עטוואס פארשעהמט און געשוויגען.

באלד האט אבער זיך איין סוחר אפגערופען:

איך ווייס פאר וואס דו רעדסט אזוי. — ווייל דו ווילסט אונז מאכען צו גלויבען, אז דו האסט דעם האלזבאנד ניט פארקויפט צו אונזער פריינד דוד, דעם זוהן פון מימון. אבער דיין מיה איז אומזיסט!

דוד אלראי האט ארויסגענומען דעם האלזבאנד פון זיין קעשענע און ער האט געוויזען, זאגענדיג:

— דיזען האלזבאנד האט געטראגען די פרינצעסין מיכל, די טאכטער פון שאול, דעם ערשטען קעניג פון ישראל. איך האב איהם געקראגען פון

אליהו הנביא און עס וועט באַציערען די האַלז פון משיח'ס פרוי!

מיט אַרויסגעסטאַרטשטע אויגען האָבען די סוחרים- באַטראַכט דעם האַלזבאַנד. יעצט האָבען זיי געזעהן, אַז זיי האָבען דוד'ן, זייער פריינד, אומזיסט חושד געווען. אָבער די גאַנצע זאַך איז צו זיי געוואָרען אַ רעטעניש. זיי זיינען געבליבען שטעהן צעטומעלטע.

— יעצט קענט איהר געהן! — האָט אַלראַי זיך געווענדעט צו די סוחרים — איהר זייט ניט ווירדיג גענוג צו וויסען אַז איך באַזיץ די מאַכט אויסצולייזען דאָס פאָלק ישראל.

— זיי אונז מוחל, דוד, — האָט אַ סוחר אַ זאָג געטהאָן. — מיר האָבען זיך פאַרלוירען און צו דיר גערעדט באַליידיגענדע רייד. יעצט זיינען מיר אַלע איבערצייגט, אַז דו האָסט ווירקלאַך קיין אהנונג ניט געהאַט.

— איך פאַרשטעה יעצט גאַנץ גוט ווי אַזוי די מיספאַרשטענדנים איז אַרויסגעקומען — האָט דוד זיך אָפּגערופען, אַז איהר זייט איבערצייגט אין מיין טומשולד. און איך האָף, אַז גאָר ניט וועט געמינערט ווערען פון אונזער פריינדשאַפט.

די סוחרים האָבען זיך נאָך אַמאָל ענטשולדיגט און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

דוד אַלראַי איז געבליבען שטעהן אין אַ פאַרלעגענהייט. ער האָט שוין געמיינט, אַז ער האָט געוואונען אויף זיין זייט דעם רמב"ם ברודער, יעצט אָבער זעהט ער, אַז אַלע זיינען שוין איבערצייגט, אַז דער „וואונדער" וואָס ער האָט באַוויזען איז גאָר קיין וואונדער ניט. ער וועט עפּעס מוזען טהאָן דערצו — צוריקצוגעווינען זייער צוטרוי.

— איך פאַרשטעה אַז איהר צווייפעלט יעצט אין מיר? — האָט אַלראַי זיך אָפּגערופען. — אָבער איך מוז אייך פאַרזיכערען, אַז איך האָב אייך ניט גענאַרט. געוועהנליך די צייט פאַר די אמת'ע וואונדער איז נאָך ניט געקומען. איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט, אַז איך וועל פריהער מוזען מאַכען די רייזע נאָך ירושלים און די אַנדערע הייליגע שטעדט פון ארץ ישראל, וואו איך וועל מתפלל זיין אויף די קברים פון מיינע אור-עלטערען, דוד און שלמה. און אויך אויף די קברים פון אונזערע הייליגע אבות. ערשט דאַן, וועלען די אידען זיין ווירדיג, אַז ניסים זאָלען באַוויזען ווערען צו זיי, כדי זיי זאָלע גלויבען אַז די צייט פון זייער גאולה איז געקומען.

— אָבער דו האָסט דאָך אונז געוואָלט מאַכען צו גלויבען, אַז אַ מלאך פון גאָט האָט דיר מגלה געווען, אַז רבי מימון'ס זוהן געפינט זיך אין באַגדאַד? — האָט שרה זיך צו איהם אָפּגערופען.

— וואָס איז דער אונטערשייד ווי אַזוי איך האָב זיך פון דעם דערוואוסט — האָט אַלראַי געזאָגט. — דאָס איז דאָך אַלץ געקומען פון גאָט! ווען ניט איך, וואָלט איהר פילייכט קיינמאָל ניט אויסגעפונען אַז ער געפינט זיך דאָ.

— האָסטו אונז גערדאַרפט דעם אמת זאָגען! האָט שרה ווייטער גערעדט. — אונזער באַגריף אין משיח'ן איז אַ גאַנץ אַנדערער. אַ געטליכער מאַן האָט קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאָגט. — ניט אַפילו ווען עס איז נויטיג געווען.

— ווער איז נאָך געווען מעהר געטליך ווי אַגזער גרויסער פיהרער, משה רבנו און פונדעסטוועגען האָט ער צוליעב דעם וואָס ער האָט געוואָלט מעגליך מאַכען די גאולה פון זיינע ברידער אין מצרים, האָט ער אויך גע-זאָגט אַ ליגען צו פּרעה׳ן דעם קעניג פון מצרים.

— און וואָס איז דאָס געווען? — האָט דוד בן מימון איהם געפרעגט.

— ווען משה איז געקומען צו פּרעה׳ן און פון איהם פאַרלאַנגט ער זאָל באַפרייען די אידען פון מצרים, האָט ער איהם געזאָגט, אַז ער וויל אַרויסנעהמען די אידען צו געהן דריי טעג אין דער מדבר, דאָרט צו פייערען אַ יום טוב, כאָטש אין אמת׳ן האָט ער זיי געוואָלט באַפרייען אין גאַנצען אום זיך קיינמאָל ניט אומקעהרען אין מצרים.

— משה רבנו האָט קיין ליגען ניט געזאָגט אפילו צו פּרעה׳ן — האָט דוד בן מימון זיך אָפּגערופען צו דוד אלראי׳ן — ער האָט איהם דאָך ניט געזאָגט, אַז אין דריי טעג אַרום וועלען זיך די אידען צוריקקעהרען נאָך מצרים — ער האָט איהם בלויז געזאָגט, אַז מיר וועלען געהן אַ מהלך פון דריי טעג אין דער מדבר און דאָרטען פייערען אַ יום טוב צו גאָט. און אַזוי איז טאַקע געווען. אין דער מדבר האָבען דאָ אידען געפייערט דעם יום טוב פון זייער באַפרייאונג, אָבער עס איז אַ פאַרשווייגונג צו זאָגען אויף דעם געטליכען מאַן משה, אַז ער האָט אַ ליגען פון הייליג מויל אַרויסגעבראַכט.

אלראי איז געבלאָבען שטעהן פאַרשעהמט. ער האָט געזעהן, אַז אויך מיט דעם איז ער דורכגעפאַלען. וואָס זאָל ער יעצט זיי זאָגען? ווי אַזוי זאָל ער זיך רעכטפערטיגען אין זייערע אויגען.

— איך וויל אַז איהר זאָלט אין מיר האָבען צוטרויען — האָט ער ווייטער געזאָגט. — עס זיינען פאַראַן זאַכען וואָס עס איז אוממעגליך פאַר מיר צו ערקלערען אין דער יעצטיגער צייט. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען מיר וועלען אַלע צוזאַמען אָפּרייזען נאָך ארץ ישראל, וועל איך האָבען די מעגליכקייט אייך צו איבערצייגען אַז איך בין דער משיח!

— איך וועל נאָך ארץ ישראל מיט דיר ניט אָפּרייזען! — האָט שרה מיט אַ פעסטער שטימע געזאָגט.

— און אויך איך האָב שוין חרטה אויף דעם וואָס איך האָב פריהער געהאַט צוגעשטימט מיט דיר די רייזע צו מאַכען נאָך ירושלים! — האָט דוד בן מימון געזאָגט.

— דו וועסט שפּעטער אַ צווייטען מאָל חרטה האָבען, און דאַן וועט זיין צו שפּעט! — האָט אלראי זיך אָפּגערופען. — בלויז די, וועלכע גלויבען אין מיין מאַכט אויסצולייזען דעם אידישען פאָלק פון גלות, וועלען קענען זוכה זיין צו זעהן מיט זייערע אויגען די גרויסע וואונדער, וואָס גאָט וועט דורך מיר באַווייזען. איך בין זיכער, אַז דו, אלמאעלי, וועסט דיין באַשלוס ניט ענדערען.

— מיין פּלאַן איז מיט מיין שוועסטער! — האָט אלמאעלי איהם געענטפערט.

אלראי איז אַ ווײַלע געבליבען שטעהן ווי אַ פאַרווירטער. זיין צאָרן האָט אין איהם אויפגעברויזט. ער האָט אַזוי פיל האָפענונג געלייגט אויף דעם „וואונדער“ און איז געווען זיכער, אַז איהם וועט זיך איינגעבען צו

ווירקען אויף שרה'ן זי זאָל מיט איהם מיטרייזען נאָך ירושלים און דאָרטען וועט ער מיט איהר הייראַטען. ער האָט געוואוסט, אז ווען דאָס וואָלט איהם געלונגען, וואָלט איהם שוין ניט שווער אָנגעקומען צו איבערצייגען די אידען, אז ער איז דער משיח, איבערהויפּט וואָלט ער זיך דערמיט באַנוצט ווען ער וועט דאַרפען גרינדען די אַרמיי פון די אידען אין די בערג.

נאָך א קליינעם שווייגען האָט אלראי פּלוצלונג ארויסגענומען דעם האַלזבאַנד פון זיין געשענק און ווענדענדיג זיך צו רות'ן האָט ער אויסגערופען:

— דו ביזט משיח'ס אויסדערוועהלטער און דער דאָזיגער האַלזבאַנד געהערט צו דיר. יע, אנשטאַט, וואָס איך האָב פריהער דיך גערעכענט צו מאַכען פאַר מיין צווייטער פרוי, וועסטו ווערען מיין ערשטע פרוי, ווייל אַזוי איז דער ווילען פון גאָט. דו וועסט מיט מיר אַפּרייזען נאָך ירושלים, און איך וועל שוין זעהן, אז דאָרטען וועסטו אויך דיין פאָטער געפינען!

— איך געהער צו שרה'ן! — האָט איהם רות געענטפערט. — איהר ברודער האָט מיך אויסגעלייזט און איך האָב קיין רעכט ניט זיך פון איהר אָפּצושיידען.

— שרה און אלמאעלי וועלען דיר ניט פאַרהאַלטען, — האָט אלראי געזאָגט, — און אויב דו שטימסט איין צו געהן מיט מיר, וועל איך זיי אומקעהרען דאָס אויסלייז געלט, וואָס אלמאעלי האָט פאַר דיר אויסגעלייגט.

— איך שטים אָבער ניט איין צו געהן מיט דיר! — האָט רות געזאָגט.

— איך האָף, אז גאָט וועט מיר העלפען און צוריקקעהרען צו מיר מיין פאַרלאָרענעם פאָטער!

— גלויבסטו דען אויך ניט, אז איך קען באַווייזען וואונדער! — האָט אלראי בייז געזאָגט.

— איך האָב קיינמאָל ניט געגלויבט — האָט רות איהם געענטפערט.

— מיין זיידע, רבי יפת, דער רב און דיין פון עכו, האָט מיר אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב מיט איהם פאַרבראַכט, געגעבען צו פאַרשטעהן וועגען דער אידישער גאולה און וועגען משיח. אויף וועמען מיר האָפען, אז ער וועט קומען אויסלייזען די אידען פון גלות. או איך, אַזוי ווי מיין פריינדין שרה, האָב א גאַנץ אַנדערען באַגריף וועגען משיח.

— דאַן וועסטו זיך איבערצייגען, ווען איך וועל דיין פאָטער צו דיר ברייגגען אין באַגדאַד.

— אויב גאָט וועט העלפען און דיר וועט געלינגען אויפצוזוכען רות'ס פאָטער זאָלסטו זיך שטעלען אין פאַרבינדונג מיט דער משפחה פון רבי מימון אין מצרים! — האָט דוד, דער זוהן פון מימון אויסגערופען, ווייל רות וועט צוזאַמען מיט אונז אַלעמען אָפּרייזען נאָך מצרים.

אלראי איז אַוועקגעגאַנגען א ברוגז'ער, און אויפגערעגטער.

— איך וועל זיי איצט ווייזען וואָס איך קען! — האָט ער א מורמעל געטאָן, און זיך צוריקגעקעהרט צו זיין געצעלט.

אין אייניגע טעג אַרום האָט דער רמב"ם'ס אינגערער ברודער, דוד, אָפּגערייזט אהיים נאָך מצרים צוזאַמען מיט שרה'ן, אלמאעלי'ן און רות'ן.

ענדע פון ערשטען טהייל.